STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06369

ZEGLEN IN ZUN

N. Y. Gotlib

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

נ. י. גאָטליב

זעגלען אין זון

מאָנטרעאַל, 1932

Copyright by N. I. Gotlib
Montreal, 1932

אויף אַלע זיבן יאַמען שווים, מיין שיף,
צעוויקל זיך אין זון מיט זעגלען שטאָלצע
און מעסט מיר אוים פון אפּגרונטן די טיף,
און פּראָל מיר אויף די ווייטסטע האָריזאָנטן.

אויף אַלע זיבן יאַמען שלאָג, מיין האַרץ,
מיט פליגלען פון די שטורעמדיקסטע ווינטן
און ביז די הויכע הימלען־בלויען וואַרף
די כוואַליעס ברויזיקע פון קלאָרסטער דיכטונג

אויף אַלע זיבן יאמען שוועב, מיין קאָפּ,
דערהויב זיך אַדלערדיק און שטייג אַלץ העכער,
און זאָל מיין לעבן, ווי אַ מעטעאָר,
זיך בלענדיק דורכטראָגן אין שיין פון עטער.

אַטלאַנטיק

אטלאַנטיק,
ריז קאַדמוינישער, פאַרשייטער קלוגער ריז,
געקומען כּבין צו דיר פון ווייטן לאַנד, פון ווייטע ערדן
זיך בוקן דאָ פאַר דיר און אויפנעמען דיין שטאָלצע ליד,
און מיט דיין גרויסקייט, מיט דיין ווילדער גרויסקייט זיך באַהעפטן.

אטלאַנטיק,
האַר אַלמעכטיקער פון וועלט און רוים, און צייט,
געקומען כּבין, אַ קינד אַ בלאָנדזשנדיקס אין שטויב פון וועגן,
זיך אָנטרינקען מיט פרישקייט פון דיין שוימענדיקן ווין
און אָפּשווענקען דעם טרויער פון מיין אויסגענאָגטן קערפּער.

אטלאַנטיק,
סווינט אין מיר מיין האַרץ, מיין אידיש וואָגל-האַרץ.
איך שטיי אין האַפּן דיינעם צווישן פעלקער אויסגעמישטע.
איך שטיי אַן איינזאַמער, אויף דיין באַוויליקונג איך וואַרט
און סמורמלען מיינע ליפּן שטיל אַ ציטעריקע טפילע.

שוין גרייט די שיף צום אָפּשווימען, אַלץ שנעלער רודערן מאַשינען.
דער ברעג, די שיף־דעק — פול מיט מענטשן: צייט פון שיידן זיך איז נאָנט שוין.
אַ, קליינע היים מיינע, פאַרשאָטנטע אין אומעטיקער שטילקייט,
אַלץ ווייטער, ווייטער רוקסט זיך אָפּ אַהינטער בלייכע האָריזאָנטן.

געבריט האָט נאָך דאָס פּאָנים מיר אַ הייסע טרער פון פרומער מאַמען,
נאָך פול געוועזן איז אויג מיט ברודערס צאַרטסטע, טרויעריקסטע בליקן, —
האָט שוין אויף רעדער אייליקע אַוועקגעיאָגט די גיכע באַן מיך
אויף פרישער וואַנדערניש אין שטעט און לענדער רוישיקע צעבליטע.

בערלין, פּאַריז, פאַרשייטע קרוינשטעט פון צעהוליעטער אייראָפּע,
נעבלאָנקעט האָב איך, ווי אַ גער, אויף פלעצער אייערע צעברויזטע
און שווער, און האַמערדיק געפאַלן איז אויף אָנגעגליטן קאָפּ מיר
די דולע פרייד פון ווײַן און פרוי, און לייב, און לײַדנשאַפט אַנטבלויזטער.

און ווייטער האָט זיך וועג געוויקלט איבער ערדן אומבאַקאַנטע,
פאַרבייגעשווינדלט האָבן היימען פרעמדע, זאַטע און גערוימטע.
איצט זע איך שוין פאַר זיך דעם יאַם, דעם אייביק שטורמישן אַטלאַנטיק
און לענדער נייע ווינקן שוין צו מיר פון ווייטן זיינע בלויע.

שוין גרייט די שיף צום אָפּשווימען. אַן אומרו פלאַטערט אום אין האַרצן.
אַ בייַנקשאַפט נאָנט. אַזוי... אַליין... און שטענדיק — וואָגלען, וואָגלען...
און יאָרן פליסן... אויפן פּאָנים טיפער גראָבן זיך די קאַרבן...
אָט ווי די קאַרבן אויפן יאַם'ס געזיכט אין דאָזיקן פרימאָרגן...

האָט אויפגעאנקערט זיך אין האַרץ אַ שיף,
אַ שנייאיק־בלאַנקע שיף אין קלאָרע זונען,
און אָנגעזעגלט זיך אַנקעגן ווינט,
און מיטן שטאָלצן יאַם אַוועקגעשוואומען.

אָ, שווים, מיין שיף, אָ, שווים צו ווייטסטער ווייט
און מעסט מיר אויס די טיף פון אָקעאַנען.
די וועלט איז גרויס, די וועלט איז ברייט, די וועלט איז פריי
און ס'איז אין וואַנדערן אַזויפיל פרייד פאַראַנען.

די וועלט איז פריי און הפקר איז דער יאַם,
און ס'איז אין וואָגל דאָ אַזויפיל זיסקייט.
פון ברעג צו ברעג, פון ראַנד צו ראַנד, פון לאַנד צו לאַנד
און שטענדיק מיט די כוואַליעס פלאַטערן און פליסן.

פון לאַנד צו לאַנד, פון ברעג צו ברעג, אויף הפקר און אויף ווינט
און שטענדיק זאָלן ווייטן זיך אין בליקן בלויען.
דער יאַם ער לאַכט, דער יאַם ער שפּילט, דער יאַם ער קלינגט
און טראָגט אַוועק מיט זיך די בייזקשאַפט מיטן טרויער.

אָ, שווים, מיין שיף, אָ שווים, צו ווייטסטער ווייט
און מעסט מיר אויס די טיף פון אָקעאַנען.
די וועלט איז גרויס, די וועלט איז ברייט, די וועלט איז פריי
און ס'איז אין וואַנדערן אַזויפיל פרייד פאַראַנען.

און פלוצלונג: מיליאנען צעשווימיקטע שיפן,
אין ווייסן געקרוינטע, אין בלויען געצירטע
און פלינקער פון פויגל, און שלאנקער פון שוואנען
צעפלאטערט זיך האבן אויף ליכטיקע יאמען.

אויף ליכטיקע יאמען האט זון זיך צעשפליטערט,
(מיליאנען פארשייטע צעקלונגענע זונען),
און שמייכלען גענומען צו טהאמען צו טיפע,
און נעצן פון גאלד און פון זילבער געשפונען.

פון גאלד און פון זילבער, פון קלארע בריליאנטן,
פון פערל, צעבליצטע אין וואונדער־קאלירן, —
די שיפן צו כאפן, די שיפן צו פאנגען
און זיי אין די טהאמען, די טיפע, פארפירן.

איז הארץ מיינס א יאם שוין אין שוימיקע כוואליעס
און שיפן, ווי שוואנען, ווי שלאנקע, דארט שווימען
און טהאמען דארט ברומען, און שטראמען דארט איילן,
און זונען צעפערלטע נעצן דארט שפינען.

וואו איז היים און וואו איז רו, און וואו איז מאמע.
הארץ מיינס איבער וואסערן און אקעאנען.

הארץ מיינס איבער ברויזיקייט און שפיל פון כוואליעס.
שוימענדיק און הילכיק פלאטערן די מיילן.

בארג אויף בארג צעיאגט זיך. שיף — צעוואקלט שיקער.
בליציק און זיגזאגיק שפאלטן זיך די טיפן.

אונטן — וואסער, אויבן — הימל, שיף — אינמיטן.
ווילדע כוואליעס, בלינדע הימלען, דולע ווינטן.

ווינטן, הימלען, טיפן, יאם און כמארעס שווערע,
טעג און נעכט אסאך נאך וועל איך אייך געהערן.

אַ שפּיל, אַ בלענדעניש אויף מיילן ווייטע,
ווי פּערל שימערן צעשטראַלטע שייטערס.

און הימלען־קלאָרקייטן, אין בלוי געפּלאַסטערט,
צעשמעלצן זונען־גאָלד אין בלאַנקן וואַסער.

און כוואַליעס יאָגן זיך, ווי פערד צעצוימטע,
אין גריוועס שנייאיקע, אין פּרענזן־שוימען.

סע צינדן פלאַכן זיך אין גרינעם שוועבל
און טהאָמען דונערן אין גלעקער שווערע.

ווי פאָנען פלאַטערן די האָריזאָנטן
און ווינטן פייערן דעם ווילדן יאָנטעוו.

היינט האָט זיך דער יאם צעשפּילט, צעברומט, צעהוידעט.
גריבער גראָבט ער, טהאָמען שפּאַלט ער, טורעמס בויט ער.

כוואַליעס שלאָגן, כוואַליעס פליען, כוואַליעס קלינגען.
האָבן ווינטן אונזער שיף ארומגערינגלט.

ווינטן גרויע, ווינטן קאַלטע, ווינטן בייזע.
איז אַ שלאַכט אַוועק אַ ווילדע און אַ הייסע.

איז אַוועק אויף טויט און לעבן אַ געראַנגל.
האָבן ווינטן אָן דער שיף זיך אָנגעהאַנגען.

און מע שטויסט זי און מע דריקט זי שטייף און שטייפער.
האָט דער מיזראַך צוגערוקט זיך הארט צום מיירעוו.

האָט דער הימל זיך צעשרויפט, גענומען שאָקלען
און דער יאם איז, ווי אַ בער, אויף אים געקראָכן.

האָבן ווייטן, נאָנטן, הויכן אויסגעמישט זיך
און די שיף נעמט אָן אַ שליידער ווי אַ פּילקע.

האָבן וואַסערן גענומען קאָכיק שפּאַרן,
איז די שיף אריין אין פינסטערע געפאַרן.

האָבן מענטשן צוגעשלייכט זיך, ווי די שאָטנס,
און אויף בעטן סקריפּנדיק זיך צוגעקאָוועט.

קאָרטשן קערפּערס זיך אויף בעטן, ווי די ווערים,
און אַ שטורעם ברילט אין בויך און אין געדערים.

צאַפּלען קערפּערס זיך אין אַנגסטן און אין גרוילן.
בליי אין קאָפּ און גאַל אין מויל, און נאַכט אין אויגן.

קלאָגן פרויען, קרעכצן זקיינים, קינדער וויינען,
קלאָגט די שיף און קרעכצט אויף צענדליקער לעשוינעס.

שרייט דער פּאָליאַק, בעטן רוסן, דאַוונען אידן:
טאַטע, גאָט אין הימל, העלף אונז, מענטשן בידנע.

אייביק רוישן קען א יאַם נאַר,
מענטשן רוישן און פאַרבליען.
מיט די הייסטע, רויטסטע פאַרבן
ברענען אויפן יאַם די שקיעס.

שטעט און לענדער דורכגעוואַנגלט
האָט א סאַך מיין בליק, מיין גליאיקס,
נאַר אין ערגעץ ניט געפּאָרט זיך
מיט אַזעלכע הייסע שקיעס.

יאַם א טיר האָט אויפגעריגלט:
קלאָרער שניי און ריינער גינגאָלד.
פון א דורכגעבלויטן שפּיגל
האָט די נאַכט געטאָן א ווינק מיר.

סהאָט א בליץ אין אויג צעהעלט זיך,
סהאָט א שעפּטשע מיר געטאָן ווער:
הייליק איז דאָס ליכט פון לעבן,
הייליקער — דער שיין פון אָפּשייד.

טאָג איז שיין און נאַכט איז שענער,
יאַם אין שקיע — פון זיי ביידן.
וויפל סאיז באַשערט נאָך לעבן,
זאָל זיך יאַם אין הארצן הוידען.

ווען דערברענען וועט דער קנויט שוין,
קומען וועט די שאָ די בלויסטע, —
ווערן זאָל מיין הארץ געקרייציקט
אויף א שקיע, אַזאַ רויטע.

זיך אָפּטייוולען אין לויטערקייט פון יאמען
און ווערן ריין, און ווערן זיבער־ליכטיק.
צעבינדן קניפּ, צעשלייערן טומאַנען
און זיך אַנטפּלעקן אין דער קלאָרסטער דיכטונג.

צעבינדן קניפּ, פאַרצאַמונגען צעשטאַמען
און אין דער העכסטער פרייקייט זיך צעפלעכטן,
זיך לאָזן מיטן שטראָם פון אָקעאַנען
און מיטן בלינדן כאַאָס זיך באַהעפטן.

וויג מיך, הוידע, וואקל מיך און טרייסל,
יאם, אויף ברוסט דיינער, צעשוימיקט־הייסער;

יאם, אין שוים בא דיר, אין אויפגעברויזטן,
גוט איז מיר צו פיבערן און טרוימען.

טרוימען פון אַ לאַנד בא ווייטע ברעגן.
ערד צעגרינט איז דאָרטן, צווייט אין סעדער.

זומער יאַנטעווט דאָרט מיט וויין און האָניק.
וואַרט שוין דאָרט אויף מיר אַ פריינט, אַ נאָנטער.

ווען אַ גרינג באַגעגעניש אונז וואַרפן
אין די אָרעמס, שמייכלענדיקע, צאַרטע.

ווען אַ לייכט באַגעגעניש אונז פירן
אין אַ פרי, אַ ליכטיקן, שפּאַצירן.

ווען זיך וועג, אַ יונגער, זוניק וויקלען:
הימלען שיינען, בוימער בליִען, פויגלען קלינגען.

ווערטער קלאָרע, גרוסן פרישע, פריידן פרייע.
אָנקום לויטערער אין לאַנד, אין נייעם.

אין לאַנד דאָ

פון רוסישע סטעפּעס ביז בערג פון קאַנאַדע,
דורך ליטע און דייטשלאַנד, און פראַנקרייך איך פלאַטער
און סכוואַליעט אינמיטן דער שטאָלצער אַטלאַנטיק;
פון רוסישע סטעפּעס ביז בערג פון קאַנאַדע,
אַן אייביקער אומרו, איך פלאַקער און ברען.

אויף רוסישע סטעפּעס האָט טראָט מיינס געוואָגלט
אין יאָרן פון צאָרן, פון בלוט און מילכאָמע;
און סהאָט אין גערانגל מיין האַרץ זיך פאַרפלאָנטערט;
אויף שוימיקער ערד פון יעסעניןדעם בלאָנדן,
דאָרט האָט זיך מיין לעבן אין פאָנען צעהעלט.

אַ, ליטע. מיין היימלאַנד, מיין קליינע און שטילע,
מיט מאַמעס שאַבאָסים, מיט בײנקשאַפט פון ברידער,
מיט ווינטן אויף שליאַכן אין האַרבסטיקע טבינעס;
אויף ליטווישע שליאַכן, די גרויע די טריבע,
דאָרט האָט מיר די שקיע איר טרויער פאַרטרויט.

בערלינער, פאַריזשער יארידן פאַרשייטע
פון ווײַן און פון גאָלד, און פון נאַקעטע לײַבער,
אויף אייערע פלעצער האָט אויג זיך געפּייניקט
און האַס האָט געשריען אין פויסטן געבײלטע,
און האַרץ איז פאַרגאַנגען אין ווילדן געוואַי.

אַטלאַנטיק, אַטלאַנטיק, דו שטרייִנגער און בייזער,
אויף כוואַליעס אויף דיינע מיין ווײַ האָט צעוויט זיך,
אויף זודיקע כוואַליעס מיין האַרץ האָט געפרייט זיך;
אויף וואַסערן דיינע, אויף שטאָלצע און ברייטע,
דאָרט האָט מיר דער כאַאָס געזונגען זיין ליד.

אויף בערג פון קאַנאַדע, אויף שפּיצן, אויף הויכע,
איצט פלאַטערט מיין אומרו אין ליכטיקע רוימען,
באַרינגלט מיט פעלזן אין זוניקע קרוינען;
אויף בערג פון קאַנאַדע, אויף שפּיצן, אויף הויכע,
איצט פלאַטערט מיין אומרו אין לויטערע בלויען,
איצט ברען איך מיט הימל, מיט זון און מיט ווינט.

װעגן װאָס זאָל איך זינגען אין לאַנד דאָ,
אין לאַנד דאָ, פאַרהילטן אין גרױען.
איך װאַנדער און װאַנדער, און װאַנדער,
און סװאַנדערט מיט מיר מיט מײַן טרױער.

איך װאַנדער און װאַנדער, און װאַנדער,
און קניפּ אױף דעם פּלאָנטער פון װעגן...
ס'איז לאַנד שױן דאָס גאַנצע באַקאַנט מיר,
פון קרױנשטאַט ביז יאַמישע ברעגן.

איך װאַנדער און װאַנדער, און װאַנדער
פון אײן עק מעדינע אין צװײטן.
אין לאַנד דאָ, אין קאַנטן, אין אַלע
דער אומעט, דערזעלבער, צעשפּרײט איז.

ס'ע הױערן לײטישע הײמען,
פאַרװױקלט אין טונקעלן לאַנגװײל,
און שטיל איז אױף פעלדער און פלײנען, —
איך װאַנדער און װאַנדער, און װאַנדער.

ס'ע שלאָפט די מעדינע און ראָבן
אױף רו און אױף פרידן דאָ דאװנען.
אַזױ־אָ פאַרשװימען די יאָרן, —
איך װאַנדער און װאַנדער, און װאַנדער.

און פּאָרט אָן ציגײנער אַ פּורל
מיט פּענימער האַרבסטיקע, ברױנע, —
צעשמײכלט זיך האַרצישער אומרו
צום בלינדן ציגײנערשן גורל.

און װידער צעברױזן זיך לידער
מיט פרישע, מיט קרעפּטיקע קלאַנגען.
ס'ע הױבן די פּיס זיך און װידער —
איך װאַנדער און װאַנדער, און װאַנדער.

אַלטע אויסגעגרויטע יאָדלעס, יאָדלעס פון מיין היים, מיין ווייטער,
גרויען דאָ אויף בארג אויף גרינעם, טרויערן אויף גרינעם שפּיץ.
היינט איז פּרייטיק, יונגער פּרייטיק, אינגלשער פאַרשייטער פּרייטיק, —
מאַמע, מאַמע, מוזט, אוואַדע, גרייטן שוין צום פרומען טיש.

שפּרייסט דעם טישטאָך שוין דעם ווייסן, לייגסט אוועק די קלאָרע כאַלע,
שטעלסט אוועק די בלאַנקע לייכטער מיט די לויכטנדיקע ליכט.
היינט איז פּרייטיק, פרעמדער פּרייטיק אין דעם ווייטן, פרעמדן לאַנד דאָ, —
כבלאַנקע אום אליין, פאַרטרויערט, מיט אַ ביינקשאַפט אין געזיכט.

היינט איז פּרייטיק. הימל — לויטער און די זון שוין שטייט אין נידער.
בערג און פעלזן, שטומע, שטוינען אין פאַרנאַכטן-גאָלד פאַרהילט.
באַלד שוין, באַלד שוין, סנענט שוין שקיע. סוועלן יאָדלעס זיך צעציגדן,
אין דער שקיע זיך צעצינדן, ווי די שאַבעסדיקע ליכט...

אז קיינער צערטלט מיך ניט, צערטל איך אליין זיך,
צערטל איך אליין זיך אין דער נאכט דער בלינדער.
אז מאמע ווייט פון מיר איז און מיט מיר איז קיינער,
פארוויג איך זיך אליין מיט מאמעדיקע לידער.

— קינד מיינס, ארים קינד מיינס, סקומט אויף דיר קיין שלאף ניט,
פרענסט: פארוואס איז פינסטער און ווער שארכט עס דארטן.
פינסטער, ווייל סאיז נאכט און שרעק זיך ניט פאר שארכן, —
סבלעטערט נאר דער ווינט די בוימער אינעם גארטן.

— נו, און די לעוואנע, וואו איז די לעוואנע,
וואס באווייזט זי זיך ניט אינעם שווארצן פענסטער?
— זי איז שוין געשטארבן, היינט באנאכט געשטארבן,
צוגעקילט זיך, נעבאך. אלט געווען און עלנט.

—און די שטערן, מאמע? — אויך שוין אויסגעשטארבן.
— טאמער איז נאך פארט א שטערנדל פארבליבן?
— ניין, מיין קינד, גענוג דיר שוין צו פרעגן, שלאף שוין.
אלע, אלע האבן זיי שוין אויסגעפינטלט.

— כזע דאך, אבער, פארט צוויי גרינע שטערן, מאמע,
און א קאל אויך הער איך, עמעץ וויינט און שרייט דארט.
— סזיינען ניט קיין שטערן, ארים קינד מיינס, נאר דו, —
סאיז א וואלף, א וואלף, א הונגעריקע באיע.

סאיז אים קאלט און פינסטער, און אים ווילט זיך עסן,
הונגעריק איז ער, דער וואלף, דער גרויער, — קלאגט ער.
אויפגריזשען וועט ער דיך, שלאפן אויב דו וועסט ניט.
שלאף־זשע איין שוין, סקומט דאך גאר אויף דיר קיין שלאף ניט!

אז קיינער צערטלט מיך ניט, צערטל איך אליין זיך,
צערטל איך אליין זיך אין דער נאכט דער טויטער.
אז מאמע ווייט פון מיר איז און מיט מיר איז קיינער, —
צעקלאגט זיך שוין אין מיר אליין דער וואלף, דער גרויער.

זיך אויסוויינען, זיך אויסקלאָגן, סוועט, עפּשער, ווערן גרינגער?
פאַר וועמען וויינען דאָ, פאַר זיך, עפּשער, אַליין, פאַר זיך?
און אויב אַז פינסטער איז, און אויב אַז סאיז אַזוי־אַ פינסטער, —
איז וועט די נאַכט די פינסטערע מיר זיין אַ ליכט.

זיך צוטוליען, זיך צוטוליען מיט ליִיב צו בעט צו בלינדער
און בלייבן ליגן שוין אַזוי, פאַרלאָזן ווי אַ שטיין?
און אויב אַז מאַמע ווייט איז, אויב אַז מאַמע וועט דערפון ניט וויסן, —
איז וועט די שטיינערדיקע בעט מיר זיין אַ טרייסט.

און, עפּשער, צוגיין נאָר צום שוואַרצן, שווייגנדיקן פענסטער,
זיך איינזויגן מיט בליקן גליאיקע און וואַרטן שטום:
אָט גייט ער שוין, אָט קומט ער אָן, איך הער אים שוין, איך הער אים, — — — —
און זאָל ער מיך דערלייזן, זאָל ער ברייגנען רו.

פון שטאָט צו שטאָט און אויף צוריק, און — ווידער.
אָן אומרו ברענט און וויכערט אום אין לייב.
עס וואַקלען זיך די פּיס. אָ, קאָפּ מיין מידער,
וואָס וועט עס זיין מיט אונז, וואָס וועט עס זיין?

די יאָרן פליען. פליען מיט די ווינטן
און אַט: אַ האָר אַ זילבערנע מיט גליק.
און האַרץ צו אייגן היים און דאַך אַליין בלינד איז,
און אויג צו ווייט אַליין בליקן נייע שיקט.

די יאָרן פליען, פליען און פאַרשווינדן
און אַט: פון זילבער־האָר אַ פּאַסמע שיינט.
עס ציטערן די הענט. אָ, קאָפּ מיין מידער,
וואָס וועט עס זיין מיט אונז, וואָס וועט עס זיין?

איר הערט זיך צו צו מיינע בלוטנדיקע ווערטער,
איר האָט האנאָע, כזע עס אויף די פּעניִמער, אין בליק,
די גוידערדיקע ווייבער ווישן זיך די טרערן,
אַ גאָט־געבענטשטער דיכטער — שעפּטשעט איינע אינדערשטיל.

איר הערט זיך צו צו מיינע שעלטנדיקע שורעס,
אין בגאָדים טייערע, אין זייד און צירונג אויסגעפּוצט.
איר קוקט מיך אָן אין שרעק, אין וואונדער און אין אומרו:
ער איז גערעכט דאָך, נאָר גערירט אַביסל, עטוואָס דול.

איר הערט זיך צו צו מיינע וואָיענדיקע לידער
און ליכטיק איז, און יאָנטעוודיק — אין פּול־געפּאַקטן זאַל.
און איך וועל לאָזן זיך דערנאָך אַליין, אַ מידער,
אַליין, אַ הונט אַ היימלאָזער, אין הויקערדיקער נאַכט.

אלטע, עלנטע לעוואַנע,
מאַלקע פון דער בלינדער נאַכט,
טריף דיין ליכט, דיין זילבער־קלאַרן,
און מיין בלינדן וועג באוואַך.

אַ פאַרלאָרענער אויף ערדן
שלעפּ איך זיך אַליין און גיי
מיט דער טאָרבע, מיטן שטעקן
און מיט ווינטישן געוויין.

סרוען מענטשן שוין אין בעטן,
איינגעוויקלטע אין שלאָף,
איך אַליין נאָר, ווי אַ בעטלער,
וואָגל אום אין שפּעטער שאָ.

אַלטע, עלנטע, לעוואַנע,
מאַלקע פון דער בלינדער נאַכט,
טריף דיין ליכט, דיין זילבער־קלאַרן,
און מיין בלינדן וועג באוואַך.

ערגעץ אין אַן איינזאַם שטיבל
קלאָגט אַ מאַמע אויף איר קינד.
שווארצע נאַכט און שטערן גרינגע,
וויסטע פרעמד און קאַלטער ווינט.

אין דעם קאַלטן, פרעמדן לאַנד דאָ,
ווייט פון אישעוו און פון רו,
בלאָנקע, בלאָנקע איך און וואַנדער,
אַ פאַרגעסענער, ווי דו.

אַלטע, עלנטע לעוואַנע,
מאַלקע פון דער בלינדער נאַכט,
טריף דיין ליכט, דיין זילבער־קלאַרן,
און מיין בלינדן וועג באוואַך.

װעמען דאָ פֿאַרטרױען מײַן פֿאַרפּײַניקטן געזאַנג,
װעמען דאָ פֿאַרטרױען װאונדן פֿון נעשאָמע?
סאיז אַ ברודנע לאַנד, עס איז שױן אײנמאָל דאָ אַ לאַנד,—
פֿון גאַנאָװים, קאָרטנשפּילער און אַלפֿאָנסן.

קױטיק־טענדלערישער לעבן. אַלץ איז דאָ געשעפֿט:
גאָט און טײַװל, בסולעשאַפֿט און זינד פֿון גאַסן.
נעם און פֿיר אַרױס אין מאַרק די בלײַכע דײַנע הענט
און פֿאַרדינג זײ צו די סאָכרימלאַך די פֿאַלשע.

און די גאַס די אידישע, דערבאַרעמדיקער גאָט,
שטראָף מיך ניט פֿאַר מײַנע רײד די אױפֿגערעגטע,
סאיז דיזעלבע דאָך קאַסרילעװקער צעגרילצטע באָד,
נאָר מיט מערער העסלאַכקײט, מיט מערער עקל.

אָנגעבײלט דאָס האַרץ איז אין אַ שטײנערדיקן פֿױסט,
אָנגעבײלט פֿון האַס, פֿון װײטאָק און פֿון כאַרפּע.
װעמען, װעמען עס אַ װאָרף־טאָן דאָ, צעבלוטיקט־רױט,
װעמען, װעמען עס אַ שלײדער־טאָן אין פֿאַרצעף?

גוט איז נאָך, װאָס ערד האָט אױסגעכאָװעט װילדע בערג,
גוט איז נאָך, װאָס װאַסערפֿאַלן װילדע רױשן, —
אָפּרוען אױף זײ מיט גוף, װאָס איז שױן בלײַאיק־שװער,
אױפֿקרײַצן אױף זײ מײַן װעלפֿיש־גרױען טרױער.

גוט איז נאָך, װאָס גרינע ערד האָט אורװעלדער צעזײט,
װילד־געפֿלאָכטענע אין דעמבעס און אין קליאָנען,
װאו מע קען פֿאַרבלינען זיך אין אײנענעם געװײן,
װי אַ שטײן אין בלינדע טיפֿן פֿון אוקיאָנעס.

ביידע קומען מיר פון דאָרט, פון יענער זייט אוקיאַנעס:
איך — פון גרויער ליטע, דו — פון ליכטיקער אוקריינע.
סהאָט דאָס הארטע לעבן אונז אהער אין לאַנד פאַרוואָרפן
מיט מיליאָנען אַנדערע פון היימען יענע ווייטע.

נאָר נאָך מער ווי דאָרטן שטיינערדיק איז דאָ דאָס לעבן,
אין די שטעט די רוישיקע, די שטויביקע און הייסע.
פעסט מיט מויערן פאַריגלט פלאָנטען זיך די וועגן,
סקומט דאָ אויס צו דרייען זיך אין קישעף־קרייז, אין איינגן.

פון באַגינען ביז אין נאַכט אין טיפער באַ דער אַרבעט
בלוטיק האָרעווען פאַר בידנעם ברויט און וואַסער מוז מען.
סאיז די בייטש צעקנאַלט דאָ און די ערלאַכקייט פאַרשקלאַפט איז,
און וואוילויונגיש קלינגט מיט בייטל געלט די גראַבע כוצפּע.

אַנגעפלויגן איז מען דאָ מיט גיריק־ביטרע אויגן
און מיט שעפע שמאַלציקער פאַרשטאָפּט די פּוסטע הערצער.
האָבן הויכע, טויבע ווענט פון פרעמדקייט אויפגעבויט זיך,
ברודער איז קיין ברודער ניט און שוועסטער איז קיין שוועסטער.

פּענימער, ווי העלצער, הוידען אום זיך אויף די גאַסן,
פּענימער, פאַרלאָפענע מיט גוילעמדיקער זאַטקייט.
סאיז די ברודנע וואָך מיט וויץ מיט ביליקן פאַרסאַכערט
און נאָך ברודנער, העסלעכער און הוילער איז דער שאַבעס.

ווייט אַ קעלט אַזאַ אַ האַרבע פון די הויכע הימלען,
איז ניטאָ וואוהין צו גיין, נאָכוואָס צו גיין, נאָך וועמען. —
זיצן מיר פאַרשפּאַרט אין בלינדע, הויקערדיקע דירעס,
זיצן מיר אַליין און שטום, אין גרויען פּיין פאַרקלעמטע.

און אַז דריקן נעמט די איינזאַמקייט אויף הערצער שווערער,
וויגן מיר זיך איין מיט אונזער וואָרט, דעם אויסגענאָגטן,
אָדער רוען אָפּ אויף עטלעכע צעקנייטשטע בלעטלעך
פון דערמאָנונג קינדערשער אויף יענער זייט אוקיאַנעס.

אין טיף פון נאַכט דערמאָנט זיך מיר דיין שמייכל,
אין טיף פון נאַכט דערמאָנט זיך מיר דיין בליק.
געווען איז דאַן אַ צייט פון רויטע רויכן,
געווען איז דאַן אַ צייט פון רויטן קריג.

מיר האָבן זיך באַגעגנט אויף אַ מיטינג,
באַקענט זיך און געוואָרן גוטע פריינט.
געבליט האָט דאַן אַן אָוונט אַ צעגרינטער,
געבליט האָט דאַן אַן ערשטער בלויער מאַי.

מיר זיינען שוין געווען דערנאָך צופרידן
צו טרעפן זיך אין זומערדיקן פּאַרק.
איך וויים ניט, וואָס האָט דיך צו מיר געטריבן,
איך וויים נאָר, אַז פאַרקישעפט האָסט מיין האַרץ.

איך וויים נאָר, אַז פון ווערטער דיינע ווייכע
צעשפּילט האָט זיך מיין האַרץ ווי בא אַ קינד.
נאָר מער פון אַלץ געלאָקט האָט מיך דיין שמייכל,
נאָר מער פון אַלץ געריצט האָט מיך דיין בליק.

אַז סקען אַ פּרויען־שמייכל אַזוי בלענדן,
אַז סקען אַ פּרויען־בליק אַזוי זיין שיין.
געטרוימט האָב איך אין נעכט אויף מיין געלעגער
און אין דיין בליק און שמייכל זיך געכיינט...

און איינמאָל, אין אַ יוני־נאַכט אַ בלויער,
אַ זילבערנע לעוואָנע האָט געבליט, —
האָב איך אין פיינלאַך־זיסן ליבע־שווידער
צו דיין אַנטפּלעקטער נאַקעטקייט געקניט.

געליבטע! ליפּן האָבן זיך באַגעגנט
און האַרץ האָט צוגעטוליעט זיך צו האַרץ.
איין רעגע בלויז, איין פייערדיקע רעגע, —
און העלסטער קוואַל פון גליק האָט אויפגעפּראַלט.

איין רעגע בלויז, האָסט צוגעמאַכט די אויגן
און אויפגעעפנט, פייכטע, זיי צוריק...
דיין שמייכל האָט מיין מויאַך מיר צעבויטעט
און דורכגעלעכערט האַרץ מיינס האָט דיין בליק.

פון יענער נאַכט אָן האָט אַ בלינדער אומרו
געצווינגן מיך צו דיר מיט וואונדער־שטריק.
איך האָב שוין מער קיין אָרט זיך ניט געפונען
און אַלץ געזוכט דיין שמייכל און דיין בליק.

עס האָט, אָבער, די שטרייִנגע צייט צעשיידט אונז
און ווייטן האָבן מיך פאַרפירט, פאַרנאַרט.
נאָר שטענדיק האָט אין וואַנדערן באַגלייט מיך
דיין שמייכל און דיין בליק פון יענער נאַכט.

געליבט האָב איך אַ סאַך, אַ סאַך נאָך פרויען,
געליבט געווען פון פרויען ניט איין מאָל.
נאָר שטענדיק האָט דיין בליק אויף מיר געלויערט,
נאָר שטענדיק האָט דיין שמייכל מיך פארפאָלגט.

כהאָב פיל געוואָגלט. סהאָט די ווייט פארשלעפּט מיך
אַהער, אין קאַלטן לאַנד, נאָך נייעם גליק.
איך בלאָנקע דאָ און קען אַלץ ניט פארגעסן
פון יענער נאַכט דיין שמייכל און דיין בליק.

איך בלאָנקע דאָ, אין ווייטן לאַנד, אין קאַלטן
און אין די נעכט — אַ קינד נאָך — דו דערשיינסט.
געליבטע, קינד מיינס, ליבע מיינע צאַרטע,
געליבטע, קינד מיינס, וואו דו זאָלסט ניט זיין!

אין טיף פון נאַכט דערמאָנט זיך מיר דיין שמייכל,
אין טיף פון נאַכט דערמאָנט זיך מיר דיין בליק,
געווען איז דאַן אַ צייט פון רויטע רויכן,
געווען איז דאַן אַ צייט פון רויטן קריג.

אין אַ טאָג אַזאַ פֿון הויקערדיקע וואָלקנס,
אין אַ טאָג אַזאַ פֿון נעפּלדיקן גרוי
גוט איז צו פֿאַרהילן זיך אין זייד פֿון כאַלעם,
גוט איז צו פֿאַרוויגן זיך אויף הענט פֿון טרוים.

פֿעלדער, פֿלאַכע פֿעלדער פֿון מיין שטילער היימלאַנד,
זומער, העלער זומער אין אַ בלויען פּרי.
דו — אויף פֿערד אויף ברוינעם אין אַ ציצן קליידל,
מיט אַ בלאַנקע קאָסע אויף די אַקסלען — איך.

ספּלייצט די זון אויף גרינער ברייט איר גאָלד, איר הייסן,
סקלינגט אַ ווינט אַ צאַרטער און סע שטראַלט דער טוי.
הוידען מיר זיך צו דעם אַרבעטס־טאָג אינצווייען,
איך — מיט קאָסע, דו — אויף פֿערד און פֿאַרן צוים.

אַרבעט פֿעלדישע, פֿאַרשייטע האַרעוואַניע,
וויפֿל, וויפֿל האָבן מיר פֿון דעם געטרוימט
דאָרט, אין טריבע שטעטאַלאַך פֿון טאַטע־מאַמע,
דאָרט, אין גרויער היים פֿון אומעט און פֿון נויט.

סהאָט דערעסן צאַפּלען זיך אין נעץ פֿון טרויער,
סהאָט דערעסן גאַסן מעסטן פּוסט־און־פּאַס, —
האָט מען זיך אַ ריס־געטאָן דורך טיר און טויער
און צו אַלטע היימען אויסגעשריען: שטאַרבט!

איך — אַ זון פֿון עלטערן פֿון פּאָרכטיק־פֿרומע,
דו — אַ טאָכטער פֿון אַ באַלעבאַטיש שטוב, —
זיינען מיר אַוועק מיט כעוורע און מיט יוגנט,
זיינען מיר אַוועק צו פֿעלדער און צו זון.

פויערים געוואָרן, יונגע פּיאָנערן.
סהאָבן שליאַכן זיך צעשאַלט מיט אונזער טראַט.
און אַ ליד פון אַרבעט שווייסיקער און שווערער
האָט צעכוואַליעט זיך אין הויכקייטן פון טאָג.

טאָג אַ גאַנצן, טאָג אַ זוניקן אין פיבער,
קומט פאַרנאַכט אָן אויף די פליגלען פון אַ טויב,
קומען אָן פאַרנאַכטן ראָזע און פאַרוויגן,
און פאַרוויגן אויף די בלויע הענט פון טרוים.

האָבן מיר געבאַלעמטביידע נאָך דער אַרבעט,
איך און דו, אין שטילן פעלדישן געצעלט:
פאָרן וועלן מיר אין ווייטן לאַנד צוזאַמען,
און אויף שטענדיק געבן זיך שוין דאָרט די הענט.

אויפבויען מיר וועלן זיך אַ היים אַ גרינגע,
פלאַנצן זיך אַ ווייַנגאָרטן און כאָוועז פּי.
סוועט זיך הימל פרישער איבער אונז צעבליען
און באַשיינען אונזער קליינעם קאָלעקטיוו.

פעטער, זיסער וועלן פעלדער זיך צעוואַקסן,
פעלדער היימישע אין זאַפטן און אין טוי.
סוועט די שעפע אין די הויכן זיך צעשלאַקסן
און די בראָכע רוען וועט אין אונזער ברויט.

טרוימען גילדערנע אין ראָזעווע פאַרנאַכטן,
סאיז אַן אַנדער גוירל אונז געווען באַשערט!
אָט אויף יענע פעלדער האָט אין יונגן האַרצן,
האָט צעברויזט זיך אין מיין האַרצן דער פאָעט.

סהאָט אַ נעם־געטאָן אַן אומרו פאַר די האָר מיך
און אַ טראָג־געטאָן אויף העפקער און אויף ווינט.
וועגן, שטעט און לענדער, בלאָנקעניש און וואָגל
האָבן שנעל צעשיידט אונז, אונז און אונזער ציל.

דו ביזט אין דעם לאַנד דעם זוניקן געפאָרן,
איך בין אין דעם לאַנד דעם קאַלטן דאָ אליין.
צווישן אונז אַליין וואַקסן מער און מער די יאָרן.
זומער רעגנט עס, געוויינלאַך, ווינטער — שנייט.

איצט איז זומער גראָד. אין לאַנד דיינעם אין העלן
בליט די וויינטרויב און סע גאָלדיקט דער מאַראַנץ.
דאָ איז, אָבער, היינט אַ וואָלקן־טאָג אַ שווערער,
כליג אין בעט און הער זיך צו צום קלאַנג פון גאַס.

כליג אין בעט און קוק אַרויס אין גרויען דרויסן:
סהילכן שטיינערנע אַספאַלטן נאַס און טריב.
מאַנאַטאָן און אומעטיק טראַמווייען רוישן.
מענטשן איילן זיך מיט רעגנדיקע טריט.

כליג אַליין אין קאַלטן לאַנד דאָ און איך קלער מיר:
סהאָט דאָך אַנדערש זיין, גאָר אַנדערש זיין געקענט.
נאָר עס איז שוין, קענטיק, מיר באַשערט אַ לעבן
פון אַ מידן נאָווענאַדניק, אַ פּאָעט.

אין אַ טאָג אַזאַ פון הויקערדיקע וואָלקנס,
אין אַ טאָג אַזאַ פון נעפּלדיקן גרוי
גוט איז צו פאַרהילן זיך אין זייד פון כאָלעם,
גוט איז צו פאַרוויגן זיך אויף הענט פון טרוים.

די בעט איז ברייט און אָרט איז דאָ פּאַר צווייען,
די נאַכט איז קאַלט און איינגעהילט אין קרעפּ,
צעבליט מיין טרוים זיך, נעם איך צו דיר ריידן
און גלעטן דיינע צערטלענדיקע הענט.

די הענט דיינע אויף מיינע הייסע ליפּן,
ווען קאָפּ מיינס האָט גערוט ביי דיר אין שויס
אין שיין פון דיינע טונקל־ברוינע בליקן,
צוויי ברוינע, קלוגע בליקן פון אַ טויב.

מיין טויב, ציגיינערן מיט גוף מיט שלאַנקן,
מיר האָבן זיך געליבט, דאָס איז דאָך וואָר.
געשפּירט מיר האָבן עס אין די געדאַנקען,
געשפּירט מיר האָבן עס אין יעדן וואָרט.

געדיינקסט אין רעסטאָראַן דעם ערשטן אָוונט?
אין שפּיגל האָבן בליקן זיך געקרייצט...
דו האָסט געלאַכט און הארץ האָט זיך געוואָרפן,
געפאַנגען אין די נעצן פון דיין רייץ.

אין גאַס האָט דאַן געווייעט שוין מיט פרילינג,
די לאָמפּן האָבן ווארימער געשיינט.
און ליכטיקער און היימלעכער, און גרינגער
צעעפנט האָט די טיר זיך פון טראַמוויי.

— וואוהין? — וואוהין איר ווילט, צו אַלדי ווייטן!
אין צאַרטער שטים — פּאַרטרויאונג פון אַ קינד...
געהוידעט האָט אונז שטאָט אויף אירע כוואַליעס,
צוויי קינדער אין טראַמוויי ווי אין אַ וויג.

דערנאָך... אין שטילער גאַס אויף טרעפּ געדרייטע,
אַ קליינער צימער, בילדער אויף די ווענט.
אַ ברייטע בעט און ליבע־קושן הייסע,
און סאַמעטענע גלעטנדיקע הענט.

מיין טויב, ציגיינערן מיט גוף מיט שלאַנקן,
מיר האָבן זיך געליבט, דאָס איז דאָך וואָר.
געשפּירט מיר האָבן עס אין די געדאַנקען,
געשפּירט מיר האָבן עס אין יעדן וואָרט.

דער ערשטער אָוונט און די נאַכט די ערשטע,
די ערשטע נאַכט אין ליבשאַפט און אין טרוים.
דערנאָך שוין יעדע נאַכט, ביז שאַ ביז שפּעטער.
אַ שיקערער פאַרלאָזען כפלעג דיין הויז.

זיך איילן דורך דער פּוסטער שטאָט אַהיים שוין
מיט אויגן, טויאיק־לויטערע פון גליק,
און ביז באַגינען, ביז אין טאָג אין וויסן
צעשמייכלט רוען שוין אין שלאָף פאַרוויגט.

און אין די פריען אויפכאַפּן זיך זאָרגלאָז,
פאַרשייט אַ צי־טאָן זיך צום טעלעפאָן,
באַגריסן דיך מיט הייטערן פרימאָרגן
און אויפנעמען צוריק דיין ווייכן וואָרט.

און וואַרטן, וואַרטן טאָג אַ גאַנצן פריידיק,
אין אומרו און אין צאַרטקייט, און אין פּיין,
אויף בלויען אָוונט, דאָרט, אויף טרעפּ געדרייטע,
צו רוען ווידער אין דיין שטילן שיין.

האָט, אָבער, זיך אַריינגעגנאַרט אַ דריטער,
אַ פֿלינקערער, אַ רייכערער, אַ שעד
און האָסט פֿאַרטרויט אים דיינע ברוינע בליקן,
און האָסט פֿאַרטרויט אים דיינע צאַרטע הענט.

אַריינגענאַרט זיך, אויסגענאַרט, פֿאַרנאַרט דיך,
ביז אָנגעהויבן נאַרן האָסט אַליין,
ביז איינמאָל האָט דער טעלעפֿאָן געבראַכט מיר
די לעצטע דיינע טויטנדיקע רייד.

דו פֿאָרסט אַוועק, מיר מוזן זיך צעשיידן,
דו פֿאָרסט אַוועק מיט יענעם, מיטן שעד,
איך בין פֿאַר דיר צו ערנסט און צו איידל,
דו דאַרפֿסט ניט און דו ווילסט ניט קיין פֿאָעט.

און וויפֿל איך האָב דאַן דיך ניט באַשוואָרן,
און וויפֿל כּהאָב צו דיר דאַן ניט גערעדט, —
האָסט אַלץ געטיינעט: כּבין פֿאַר דיר קיין פּאָר ניט,
האָסט אַלץ געטיינעט: דאַרפֿסט ניט קיין פֿאָעט.

איך בין געשטאַנען, שטייף געדריקט דאָס טרייבל,
זיך צוגעהערט און וויטאָקדיק געטראַכט.
אַ רעגע... צוויי... געקומען איז אַ שווייגן
און האָט דאָס מויל פֿון טעלעפֿאָן פֿאַרמאַכט...

— אַוועקגעפֿלויגן, טייבאַלע, פֿאַרשוואונדן,
און ליידיק איז געוואָרן, גרויזאַם־וויסט.
אין פֿענסטער האָט דער טאָג זיך בלייך פֿאַרטונקלט
און הימל האָט צעוויינט זיך אינדערשטיל.

מיין טויב, ציגיינערן מיט גוף מיט שלאַנקן,
מיר האָבן זיך געליבט, דאָס איז דאָך וואָר.
געשפּירט מיר האָבן עס אין די געדאַנקען,
געשפּירט מיר האָבן עס אין יעדן וואָרט.

איך קען ניט האַסן דיך, איך קען ניט שעלטן
און איך פאַרגיב, פאַרגיב דיר דיין פאַראַט.
מיין דאַנק דיר און מיין בראָכע דיר אויף שטענדיק
אין דאָזיקער, אין רעגנדיקער נאַכט.

די בעט איז ברייט און אָרט איז דאָ פאַר צווייען,
די נאַכט איז קאַלט און איינגעהילט אין קרעפּ,
צעבליט מיין טרוים זיך, נעם איך צו דיר ריידן
און גלעטן דיינע צערטלענדיקע הענט.

פלי, מאשין, אלץ שנעלער שנעלער
איבער בערג און איבער טאָלן,
איבער שטיינער, איבער פעלזן
צו די ווייטן, צו די קלאָרע.
פון די פריען די צעבלויטע
ביזן רויטן ראנד פון שקיע
זאָלסטו זיך אין לופטן הוידען,
זאָלסטו זען פאָרויס אלץ ציען,
זאָלסטו שלינגען וויאָרסט נאָך וויאָרסט,
בארג ארויף און בארג אראָפּ.

טרייב, מיין לעבן, פלינקער, פלינקער
אין די לענדער, אין די פרעמדע.
הארץ פאר אומעט פריי צעשפּיליע,
אויגן רייס אויף פארן עלנט.
ערגעץ ביינקט נאָך דיר א מאמע,
ערגעץ ביינקען שוועסטער, ברידער,
רייס די יאָרן און צעשטאָם זיי,
און צעבייט אויף מינץ פון לידער,
שלינג די יאָרן יאָר נאָך יאָר,
בארג ארויף און בארג אראָפּ.

קלעטער, קאָפּ פּאטלאטער, קלעטער
אויף די שפּיצן, אויף די הויכע.
קלעטער ביז דער לעצטער רעגע
און ניט מיד ווער, און ניט שטרויכל.
קלעטער העכער, העכער, העכער,
ביז די שפּיצן, ביז די קאַלטע.
און דערגרייכסטו שפּיץ דעם העכסטן, —
איז צעשמעטער האַלז און נאַקן
און צעפּלי זיך, און צעטראַג
באַרג אַראָפּ, אַראָפּ, אַראָפּ!

און ווידער צעשווינדלען זיך שטרעקעס
און פעלדער, פארהילטע אין גרויען.
אין הארצן געזאנגען זיך וועקן,
געזאנגען פון בייִנקשאפט און טרויער.

איך וואנדער מיט שטעקן און טאָרבע
און סוויקלט זיך שליאכישער לאנגווייל.
אין וואָגלען פארוועלקן די יאָרן
און סוויאנען די יונגע פארלאנגען.

אין לאנד דאָ ביז אלע פיר ראנדן —
ניט אויפשיין פון פלעצער אין רויטן.
נאָר פעלדער פון מאָגערע זאנגען
מיט טונקעלע ווייטן באזוימטע.

אויף נאקעטע שטעטלאך און דערפער —
פון בלייענע הימלען א צודעק.
איך בלאָנקע אליין זיך א פרעמדער
און זוך דאָ א נאָנטן, א ברודער.

איך בלאָנקע. נאָר שווער ווערט דאָס בלאָנקען.
און שווערער נאָך, טויזנט מאָל שווערער, —
די בייִנקשאפט — אין הארצן פארבאָרגן,
דעם טרויער — פארטרויען די שטערן...

וואָלקנדיקער טאָג. אין גרוי פאַרהילט זיינען די הימלען.
נידעריקער שפּרייטן זיי זיך איבער מידע קעפּ פון בערג.
שטייען בוימער איינגעוויקלט אין אַ מאַטער שטילקייט,
שאָטענען מיט האַרבסט מיט גרויען אויפן שלעפעריקן וועג.

שלעפעריק מיין גאַנג היינט. כצי זיך באַרג אַרויף אין שווייגן,
לעבן, טרויעריקעם לעבן, האָסט שוין ווידער זיך פאַרקלערט,
איין־אַליין אין לענדער פרעמדע, איין־אַליין אין וויטן
וואַנגלט אום אַ מידער שלעפער אויף דער אומעטיקער ערד.

הענער קרייען, ערגעץ אויף אַ פאַרם קרייען הענער.
דאָס דערמאָנט מיר, דאָס דערמאָנט מיר: היים. אַ וויטע, קליינע לאַנד.
פעלדער, נידעריקע, פלאַכע; שטילע, פרומע פעלדער.
שליאַכן, גרויע שליאַכן... שטיבלאַך, גרויע שטיבלאַך... גרויער האַרבסט...

דאָס דערמאָנט מיר, דאָס דערמאָנט מיר: האַרבסט און שליאַכן גרויע,
אויף די שליאַכן האָט געשפּאַנט אַ גרויער מענטשל און געקלערט.
איין־אַליין אין לענדער פרעמדע, איין־אַליין אין טרויער
וואַנגלט אום אַ מידער שלעפער אויף דער אומעטיקער ערד...

אַ שטיבל אין וואַלד

ווי שיין איז בלוי אויף גרין אין שיין פון בלענדיק־בלאַנקן גינגאָלד.
אויף פעלדער גרינע בליט שוין ווידער בלויע פרייד פון פרילינג.
אויף פעלדער ברייטע בליט שוין ווידער העלע פרייד פון קאָרן.
אַ מונטערער, אַ פריידיקער איך קום אהער צופאָרן.

אין פרי, אין הויכן, שפּיגלט זיך דער שלאַנקער שליאַך, דער גלאַטער.
אַ שטיבל רוט באַם זייט. פון שינדלען ליכטיקע דער דאַך איז.
פון סאָסנע־האָלץ — די ווענט. סע שמעקט פון זיי מיט טערפּקען סיראָפּ
און אָפן שטייען אַלע פענסטער, אָפן — אַלע טירן.

איך האָב קימאַט פאַרגעסן באַלד דעם וואַלד דאָ צו דערמאָנען,
אַ וואַלד פון ביידע זייטן שליאַך מיט דעמבעס און מיט קליאָנען.
אינמיטן וואַלד אַ לאָנקע גרינט, אַ זאַפּטיקע, אַ פעטע.
דאָרט פּאַשעט זיך אין גראָז די זון, די ציג מיט גאָלדן בערדל...

אין וואַלד איז אויך אַ ברונים דאָ מיט וואַסער, פריש און אייזיק.
אין שטיבל איז אַ הונט פאַראַן, אַ הונט — אַ בער אַ ווייסער.
איך עס מיין פרישטיק אָפּ: געשמאַקן ברויט מיט וואַסער זיסן,
איך רוף מיין בער מיין ווייסן און מיר לאָזן זיך שפּאַצירן.

עס העלט דער טאָג, עס קלאָרט דער וועג און ווייטן בלאָנדע שמייכלען.
עס גליט די לופט, עס בריט די זון אין אויסגעשטראַלטע הויכן.
עס קלינגט דער ווינט, עס רוישט דער וואַלד און בלעטער גרינע פינקלען,
און לידער — וועווערקעס אויף ביימער — קלעטערן צום הימל...

ווי שיין איז בלוי אויף גרין אין שיין פון בלענדיק־בלאַנקן גינגאָלד.
אויף פעלדער גרינע בליט שוין ווידער בלויע פרייד פון פרילינג.
אויף פעלדער ברייטע בליט שוין ווידער העלע פרייד פון קאָרן.
אַ מונטערער, אַ פריידיקער איך קום אהער צופאָרן.

וואָלקנס... וואָלקנס... פּאַטערל אין הימל.
וואָלקנס פּאַסן מיר צו מיין געמיט.
שוואַרצע נאַכט. פון שטערנדלאַך קיין סימען.
ווילדער וואַלד און וואַיעָנדיקער ווינט.

שוואַרצע נאַכט אין ווילדן וואַלד אין שוואַרצן.
איז נאָך איצטער ווער ווי איך אַליין?
אין די טיפן טוט אַ בליץ אַ צאַפּל
און אַ דונער ברעכט זיך אין געשריי.

סרעגנט. דריבנע טראָפּנס טריפן, טריפן.
קאָפּ מיין קאָפּ, מיין טרויעריקער קאָפּ.
שוואַרצע נאַכט. פון שטערנדלאַך קיין סימען.
וואָלקנס... וואָלקנס...

ווי יוינע, דער נאָווי פון נינוויי,
בין איך פון דער שטאָט היינט אנטלאָפן,
אנטלאָפן אין וואַלד דאָ, אין ווילדן,
אין ווינקל געלייגט זיך דאָ שלאָפן.

נאָר סהאָט, ווי אַ יאַם, זיך צעשטורעמט
דער וואַלד אין דער נאַכט, אין דער שווארצער.
ער ברעכט זיך אין בליץ און אין דונער.
אין שוימיקע כוואַליעס ער ווארפט זיך.

אַ יאָמער־געוויש אין די בלעטער.
סירענעס פון וואָיענדע ווינטן.
דער שטורעם ער קלעטערט, ער קלעטערט,
עס ברענען שוין וואַלדישע שפּיצן.

דער שטורעם ער עקבערט, ער בויערט,
עס ברענען שוין וואַלדישע טיפן.
עס בויערט אַ קאָל מיר אין אויער:
וואָס שלאָפסטו? שטיי אויף און טו טפילע!

אָ, גאָט, קאַפּיטאַן אין די הימלען,
אָ, האַר איבער ערדן און יאַמען,
ניט שיק שוין דיין קנעכט מער קיין נינוויי,
ניט וואַרף מיך אין שטאָטישע פלאַמען.

דו נעם זיך אַ נאָווי אַ צווייטן,
בין מיד שוין פון שעלטן און שטראָפן,
בין מיד שוין פון שפּאָט און פון ווייטאָק,
און שלאָפן עס ווילט זיך מיר, שלאָפן.

עס טרעפט: סע קומט אמאל דער הארבסט אין אנהויב מאי
אזוי צעווישן נאכט און טאג זיך זאכט צושלעפן
און שפרייט די הימלען אוים אין שווערע וואלקנס בליי,
און שלייערט איין די יונגע ערד אין גרייזע נעפלען.

א דריבנער רעגנדל, א גרויער, טריפט און טריפט,
און ווערגט, און לעשט די גרינע פייערן פון בלעטער.
סע שטייען בוימלאך — קעלבער היימלאזע — אין ווינט
מיט העלזער ציטעריקע, אויסגעשטרעקט צום שעכטן.

אין שטיבל שטיל איז. שאטנס רוען אויף די ווענט.
פרימארגן טונקעלער פארהייטלט בליקט אין פינסטער.
דו כאפסט זיך אויף פון שלאף א זייגער פינף צי זעקס
און ליגן בלייבסט, פארכאלעמט־מיד, אויף דיין געלעגער.

די שטילקייט וואכט. דער רעגן וויינט. דו הערסט זיך צו.
מיט זאטער פוילקייט גיסן אן זיך דיינע גלידער.
און שווערער שטראמען נעמט אין גוף דיינעם דאס בלוט,
און סלינט דיין קאפ — א רייפער עפל — אויפן קישן.

אט באלד: און סוועט דער עפל שיידן זיך פון בוים,
אט באלד: און סוועלן זיך צעשיידן הארץ און זינען.
דו וועסט אפסניי פארוויקלען זיך אין בלינדן טרוים
און וועסט אין טיף פון שלאף אויף אייביק שוין פארזינקען.

עס טרעפט: סע קומט אמאל דער הארבסט אין אנהויב מאי
אזוי צעווישן נאכט און טאג זיך זאכט צושלעפן, —
און וייטאקדיק־צעהעלט ווערט דאן דער זין פון זיין,
און גיפטיק־זיס — דער אפשייד בלוטיקער פון לעבן.

איך שפּאַן פון וואַנט צו וואַנט און טײַנע אַלץ צו זיך:
— אַזוי איז בעסער דאָך, אַזוי איז בעסער.
אין דרויסן רעגנט. וואָלקנס. ווײַנענדיקער ווינט.
פאַראָוואָלקט קוקט דער טאָג אַרײַן אין פענסטער.

איך שפּאַן פון וואַנט צו וואַנט, פון וואַנט צו וואַנט, איך שפּאַן.
דער רעגן פּלייצט און שוימט, דער רעגן פּלאַטערט.
איז, עפּשער, אויפּפּראַלן די טיר און, — אויפן דאָך:
— ר אַ ט עוו ע ט ! ! !

נאָר פּוסט איז דאָך אַרום און טויט, און גרויזאַם־וויסט.
איז, עפּשער, נעמען נאָר אַ שטריק, אַ מעסער?
— בארואיק זיך, מײַן קינד, מײַן טרויעריקעם קינד,
אַזוי איז בעסער דאָך, אַזוי איז בעסער...

פון העלער הויך פון בערג, פון גרינע,
פון הויכן, קלאָרן הימל־ברעג
אַראָפּ אַ פרייד איז היינט באַנינען
און האָט פון שלאָף מיך אויפגעוועקט.

האָב איך זיך אָנגעטאָן אין פיבער,
אַרויס דורך אויפגעפראַלטער טיר
און אויף די קני די ערד, די פרישע,
מיט ליפּן טויאיקע בארירט.

דער ווינט האָט מיט זיין בלויען טיכל
מיר אָפּגעווישט פון אויג אַ טרער.
איך האָב זיך אויפגעשטעלט אַ גרינגער
און זיך געלאָזן צו די בערג.

אַרויפגעקלעטערט הויך אויף שפּיצן,
אין קאַלטער לויטערקייט פון לופט,
און זיך אַנקעגן זון צעבליטער
געשטעלט צו שאַכרים, פאַרכטיק־פרום.

איך קלעטער באַרג אַרויף צו זען ווי זון פאַרגייט.
דער הימל אויסגעזייט איז אין צעפלאַמטע וואָלקנס.
איך קלעטער באַרג אַרויף מיט פרישער, גרינגער פרייד
און ספּיבערט היינט שוין ווידער מיין צעבליטער כּאַלעם.

א שטילקייט זינגט אַרויס פון יעדן בוים און גראָז,
באַם זיים פון וועג די שטיינער פאַרכטיק־רואיק שווייגן.
סע טריפט אַ לויטערקייט אַ בלויע אויף מיין קאָפּ
און הילט מיך איין, באַשטראַלט מיין בליק מיט העלע שיינען.

אָ, גאָט, איך שפיר דיין אָטעם איצט אין פרומען פעלד,
אין יעדן בוים און גראָז איך שפיר איצט דיין אַנטפּלעקונג,
פון יעדן שטיין אַ הייליקייט אַ קלאָרע קוועלט
און דריימאָל זיס איז מיר דיין ערד איצט צו באַטרעטן.

בוימער אין פארנאכטן וויקלען זיך אין שווייגן,
וואָלקנס אין פארנאכטן טונקל־בלויער שוועבן.
אָפּגעשוואומען טאָג פון מיזראך האָט קיין מיירעוו.
מיירעוו רויטן האפן ברייט האָט אויפגעעפנט.

וואונדער, וואונדער, שטיין איך וועל אזוי דאָך שטענדיק,
שטיין און שטוינען, ווי א קינד נאָך, שטיין און גאפן
אויף דער בלענדנדיקער, גילדערנער לעגענדע,
אויפן טאָג, וואָס שווימט אריין אין רויטן האפן.

אויף אַ שטיין אַ גרויען אין אַ בלויען אָוונט
זיץ איך און איך וויג זיך, איינזאַם און פאַרגעסן.
אין די מאַטע הויכן פלאַטערט די לעוואָנע,
פאַכט מיט מידע פליגל איבער בלייכע שטרעקעס.

יאָרן מײַנע יאָרן, יונגע גרין־צעבליטע,
וואו זענט איר פאַרפלויגן? וואו זענט איר פאַרשוואוּמען?
אויף אַ שטיין אַ גרויען זיץ איך און איך וויג זיך,
זיץ איך און איך וויג זיך, זיץ איך און איך שטום דאָ.

סצינדן זיך די שטערן. זאָלן זיי זיך צינדן.
סוועט שוין זייער פייער מער מיך ניט באַהעלן.
ווי אַ בלינדע סאָווע אין דער נאַכט דער בלינדער,
קלאָגן וועל איך איצט שוין, קלאָגן אויף מיין לעבן.

כבין געפאנגען פון דער בלינדער נאכט,
הינטער זילבער־שלאָס פון דער לעוואָנע,
אין די קאמערן פון בלויען כאָלעם,
שטערן־שאָמרים שטייען אויף דער וואך,
כבין געפאנגען פון דער בלינדער נאכט.

כגיי ארום אין טפיסע אינדערשטיל,
פייכט און טויאיק דרימלען בלייכע ווענט,
שווארצע רוען בוימער־סילועטן,
אין די בלעטער שלאָפט דער מידער ווינט,
כגיי ארום אין טפיסע אינדערשטיל.

כגיי ארום אין כאָלעם און איך זע:
בלאס־געשפענסטיש שפיגלט זיך א פענסטער,
פון די הויכן פאלט א העלער שטערן,
גרוי און טונקל הויערן די בערג,
כגיי ארום אין כאָלעם און איך זע.

שווייג איצט, הארץ מיינס, הער זיך צו און שווייג:
סקליגנען שטראָמען ערגעץ אין די טאָלן,
סקלאָגט א סאָווע ערגעץ אויף א יאָדלע,
רוישלאָז פליט א פלעדערמויז פארביי.
שווייג איצט, הארץ מיינס, הער זיך צו און שווייג.

כבין געפאנגען פון דער בלינדער נאכט,
הינטער זילבער־שלאָס פון דער לעוואָנע,
אין די קאמערן פון בלויען כאָלעם,
שטערן־שאָמרים שטייען אויף דער וואך,
כבין געפאנגען פון דער בלינדער נאכט.

מהאָט אָן אונז פאַרגעסן, ערד מיינע געטרייע,
און אין שטעט צונויפגעקוועטשט זיך — הערינג אין אַ פאַס.
קויטיק־ברודנע ווינקן דאָרט באַנאַכט די פייערן
איבער פלעצער טענדלערישע, איבער געלער גאַס.

מהאָט אָן אונז פאַרגעסן, ערד מיינע פאַרשוועכטע,
און אויף הארטע ראָגן אויפגעשטעלט אַ נייעם גאָט.
איבער שטיין און אייזן, ביז די העכסטע דעכער
שטייגט דער שיקערער געשריי פון וויין און זנוס, און מאָרד.

מהאָט אָן אונז פאַרגעסן, ערד מיינע, פאַרשפינטע
אינעם בלויען, אינעם צאַרטן, נאַכטישן געשפין.
שטערן פון דער פרומער הויך מיט טרערן טריפן
איבער דיר און איבער מיר — דיין טרויעריקן קינד.

ביז סאָף פון לעבן שוין אַזוי אַרומגיין,
אַרומגיין דאָ אויף מידבערדיקער ערד,
אין פּלאָנטער־קנויל פון ווילד־צעצווייגטן אורוואַלד,
אין קרייז פון גרויע, פאַרכטיק־פרומע בערג.

אַוועק, אַוועק פון שרייענדיקע פּלעצער,
פון כּוצפּעדיקער, גאָטלאָז־ברודנער שטאָט.
אויף ברוקן ליגט די ערלאַכקייט געשענדעט
און סטריפּט פאַרשעמט דעם נאָווים בלוטיק וואָרט.

מעשוגע אין דער דיכטער שוין וואָס שטראָפט נאָך,
וואָס טונקט אין קאָס פון גיפט זיין ליכטיק אויג.
ניט הערן קענען אים די הערצער גראָבע,
די הערצער, אויסגעפּאַשעטע מיט רויב.

מיט שטערנס קופּערנע, מיט הענט פאַרקויפטע
גייט מען אויף גאָלד דער גזיילעדיקער פאַנג
און סקוועלט די העסלאַכקייט, און סטאַנצט די זוינע
איר געלן, דולן, טויטנדיקן טאַנץ.

אַלץ האַרבער קלינגט דער טעמפּער פּויסט, אַלץ פּרעכער
און אויגן — בלינד און אויערן — פאַרשטאָפּט.
אַוועק, אַוועק פון שרייענדיקע פּלעצער,
פון כּוצפּעדיקער, גאָטלאָז־ברודנער שטאָט.

ביז סאָף פון לעבן שוין אַזוי אַרומגיין,
אַרומגיין דאָ אויף מידבאַרדיקער ערד,
אין פּלאָנטער־קנויל פון ווילד צעצווייגטן אורוואַלד,
אין קרייז פון גרויע, פאַרכטיק־פרומע בערג.

פון טאָג צו טאָג אַלץ נענטער גייט צו האַרבסט,
עס רויטלען זיך פון קליאַנען שוין די בלעטער.
פון טאָג צו טאָג אַלץ צאַרטער גאַרט דאָס האַרץ
נאָך שאָ פון לעבן אויסגעבלויטער, לעצטער.

עס איז שוין אָנגעריפּט מיין שווערער גוף
מיט זאַפטן פרוכטבאַרע פון פרומע פעלדער,
מיט גלי פון הייליקער, געבענטשטער זון,
מיט ווינטן־פריידן לויטערע, צעהעלטע.

אויף מידע אַקסלען הוידעט זיך מיין קאָפּ,
אַ שיקערער פון וויניק־שאַרפע לידער
און ספּלייצט דורך אויג אַ שיינענדיקער שטראָם
אין אַלע מיינע זינגענדיקע גלידער.

אַ גליקלעכער אויף ערדן שפּאַן איך אום
אין רואיקן, אין שמייכלענדיקן וואַרטן.
און אָט: די שאָ, די אויסדערוויילטסטע קומט
מיט טריט מיט האַרבסטיק־גילדערנע, מיט צאַרטע.

די זון אין רויטע מיירעוו־טהאָמען זינקט,
אין ראָזער פרייד פאַרמאַכן זיך די וויעס.
אַ האַנט אַ לופטיק־ציטריקע פאַרציט
דעם פאָרהאַנג בלוילעך־זיידענעם פון הימל.

אַ האַנט אַ ליכטיקע מיין מויל באַרירט,
עס שעפּטשען ליפּן שטיל די לעצטע טפילע.
אין אויגן העלסטער וואונדער איז צעבליט —
אַ פלאַמיקע, אַ בלענדנדיקע שקיע.

פון טאָג צו טאָג אַלץ נענטער גייט צו האַרבסט,
עס רויטלען זיך פון קליאַנען שוין די בלעטער.
פון טאָג צו טאָג אַלץ צאַרטער גאַרט דאָס האַרץ
נאָך שאָ פון לעבן אויסגעבלויטער, לעצטער.

קוואַלן פון בלויקייט און טייכן פון טוי,
לויטערער, גרינגער פרימאָרגן.
יאָגט זיך אַ רייטער אין גילדערנער הויך —
זון אין צעקלונגענע שפּאָרן.

פויגלען אין וועלדער — צעטרילערט, צעשאַלט,
פעלדער — אין ראָזעווע רויכן.
באַרגיק און זילבעריק ציט זיך דער שליאַך,
ציט זיך צום הימל און שמייכלט.

זאַפטיק און צוויטנדיק הויערט אַ קליאָן,
פידלען פון ווינט אין די בלעטער.
מונטער און פליגלדיק טראָגט זיך מיין קאָפּ
העכער און העכער, און העכער.

לופטיק און ליכטיק אויף שפּיצן פון בערג.
וויַיטן — אויף מיילן, אויף טויזנט.
ספּליסן אויף גרינער, צעשוימיקטער ערד
יאָמען פון טוי און פון בלויקייט.

קוואַלן פון בלויקייט און טייכן פון טוי,
לויטערער גרינגער פרימאָרגן.
יאָגט זיך אַ רייטער אין גילדערנער הויך —
זון אין צעקלונגענע שפּאָרן

וואָס קען נאָך שענער זיין פון העלער זון,
פון העלער זון אויף גרינע בערג, אויף הויכע?
כהאָב היינט דערהערט אין זיך אַ ווילדן רוף,
אַ רוף פון בלינדע, פרימיטיווע קויכעס.

צו זון זיך ציען מיט פארליבטע הענט,
צו זון, צו זון, צו זון אויף דער אַקיידע:
אָ, נעם ניך אויף די אָרעמס דיינע, נעם
און שלעפּ אַראָפּ פון מיר די שווערע קליידער.

אָ, נעם מיך אויף די אָרעמס דיינע, נעם,
אַנטבלויז מיין גוף מיין טרויעריקן, קאַלטן
און ציִ אַרויס פון שייד דיין שאַרפע שווערד
און טו מיט דעם אַ פינקל איבער האַלז מיר.

אַז בלוט מיינס זאָל אַ שלאַנגטאָן — אַ פאַנטאַן —
און רויט פאַרבלינען אַלע זיבן הימלען.
סוועט, עפשער, דאַן, סוועט, עפשער, ווערן דאַן
מיין טרויער שטייניקער אַביסל גרינגער.

אַז שטיין אַזויפיל שרייט אין מיר און שרייט,
אַז האַרץ אין פיינען אייזערנע געשמידט איז, —
טאָ נעם אויף אָרעמס דיינע און צעבייט
דיין איינאונאיינציקן, דיין נויאַך איצכאָק.

און זאָל מיין קאַלטער, טרויעריקער גוף,
און זאָל מיין גוף דיר זיין אַ קאָרבן־אוילע...

כהאָב היינט דערהערט אין זיך אַ ווילדן רוף,
אַ רוף פון בלינדע, פרימיטיווע קויכעס.

דורך שליאכן, דורך היימלאָזע, נאַכטישע שליאכן,
דורך וואָגל, דורך טריבן, דורך הארבסטיקן גאַנג
בין איך צו דיין ליכטיקן הויז היינט דערגאַנגען,
האָב איך צו דיין ליכטיקער שוועל היינט דערלאַנגט.

נאָך נעסטן זיך שטויבן אין פאַלדן פון קליידער,
נאָך הוידעט זיך ווינט אום אויף כוואַליעס פון האָר,
א מילדקייט א בלויע אין הויכן שוין שפרייט זיך,
א בלויקייט א מילדע אין הויכן שוין קלאַרט.

פון שטאַפל צו שטאַפל כוועל קלעטערן גרינגער,
פון שטאַפל צו שטאַפל ביז לויטערסטער הויך. —
דאָס איז דאָך די ליבע, די זוניקע ליבע,
וואָס טריפט שוין מיט גאָלד פון דיין זוניקן אויג.

דאָס איז דאָך די ליבע, די גילדערנע ליבע. —
אָ, פאָטער פון הימלען, פון יאַמען און ערד, —
כוועל פאַלן א מידער, כוועל פאַלן אויף קני דאָ
און קושן די שטיינער, און האַלזן דעם פעלד.

מיט טרערן באַפּערלען, מיט פריידיקע טרערן
די ערדישע ברייטן, דעם הימלשן טהאָם. —
גיס אָן מיר דיין בעכער, דיין זוניקן בעכער, —
כוועל טרינקען ביז שיקער, כוועל זשליאָקען ביז דנאָ.

דורך שליאכן, דורך היימלאָזע, נאַכטישע שליאכן,
דורך וואָגל, דורך טריבן, דורך הארבסטיקן גאַנג
בין איך צו דיין ליכטיקן הויז היינט דערגאַנגען
האָב איך צו דיין ליכטיקער שוועל היינט דערלאַנגט.

איך בין פון שטאָט אַנטלאָפֿן,
פון טומל און פון רויש,
פון שרייענדיקע דראָטן,
פון שטיינערדיקן פויסט.

סהאָט קראנק געמאכט די שטאָט מיך
מיט איר צערייצטן ביל.
אויף גאסן קלאָגט אַ פּאָטער,
אויף ברוקן שטארבט אַ קינד.

אַ פינסטערער דער טויט פאָרט
אויף רעדער פון טראַמוויי
און ספּליען נאָך אים אויטאָס
אין גרילצעדיקער ווייט.

מיט מויערן פאַריגלט
דערוואָרגן ליגט די ערד,
אין שוי־פענסטער זיך שפּיגלט
אַ שווארצער רעוואָלווער.

און מאכאנעם זיך איילן
נאָך גאָלד און מענטשן־פלייש,
פּאַבריקן הילכיק פייפן
און סרינט פון ווענט דער שווייס.

און אַרבעטסלאָזע זיצן
אין פּאַרקן אויף די ביינק
און איבער זיי דער הימל
מיט הונגער־טרערן וויינט.

אין קעלערן אין פייכטע
צעהוליעט שפרינגט די נויט
און גרינע מאַמעס קייכן,
און קינדער כליפען: ברויט!

אַ טאָג, אַ טאָג פאַרגאַנגען,
אין בלוט פאַרזינקט די זון,
און טומע־שלייער נאַכט קומט
מיט וואָיען פון אַ הונט.

אין טונקעלע שפּיטעלער
באַנדאַזשן גליען רויט,
אויף גאַסן צינדט זיך העלער
דער קופּערדיקער קנויט.

רעקלאַמעס זיך צעבליצן
אין פאָספאָרדיקן ליכט,
אַ מערדער אין אַ טפיסע
צעוויינט זיך אינדערשטיל.

די נאַכט, די שווארצע ראַב, קומט,
אַ, דריימאָל וויי און ווינד,
עס ווינקט אויף אַלע ראָגן
די קרעצעדיקע זינד.

עס כוואַליעט דער שאַמפּאַניער
אין הייזל, אין שאַנטאַן
און שווּעבלדיק — די לייבער,
און פּענימער — צעפלאַמט.

אַלפֿאַנסן, פּראָסטיטוטקעס
אין פֿיבערדיקן טאַנץ
און סוויכערן די בלוטן
צום אימפּעט פֿון דזשאַצבאַנד.

די שטאָט זי ברענט, זי פֿלאַקערט
אין טייוועדיקן גלוט,
אַ שיקערער זיך וואַקלט
און ברעכט אויף גרויען ברוק.

אַ מידער לאָמפּ זיך הוידעט
אין בראַנפֿנדיקן ווינט,
אַ דיכטער אויף אַ בוידעם
טוט טפֿילע צו אַ שטריק.

אָ, דריימאָל ווי און ווינד דיר,
פֿאַרפֿלוכטע, שוואַרצע שטאָט,
פֿאַר הונגעריקע קינדער,
פֿאַר פֿרויען־שאַנד און שפּאָט!

פֿאַרשאָלטן זיי אויף אייביק,
אָ, שטאָט, נעווייִלע, הור! — — —
— — — — — — — — — — —
נאָר שלאַנקער שליאַך שוין שמייכלט
און סבלויט זיך שוין די רו...

איך בין פֿון שטאָט אַנטלאָפֿן
צו שטילקייט און צו פֿעלד.
פֿון קלעצער פֿון סאָסנאָווע
דאָ הויערט אַ געצעלט.

אַ שטיבל אַ צעהעלטע
מיט טירן — אויפגעפּראַלט,
און זון — אין אַלע פענסטער,
און בלויקייט — אויפן דאַך.

אַ וואַלד אַ ווילדער שווייגט דאָ
מיט טויזנט גרינע קעפּ
און בלעטערדיקע צווייגן,
ווי טפילעדיקע הענט, —

אַרויף, אַרויף צום הימל.
אַ הימל — בלאַנק־צעקלאָרט,
אַ פיקהעלץ קלינגט אַ הימן
צום שטראַלנדיקן טאָג.

אַ וועווערקע אַ פלינקע
פאַרמעסט זיך אויף אַ בוים,
אויף גראָזן ראָזע פינקלט
דער פערלדיקער טוי.

אַ דאַרער דאָרן דאַוונט
אויף איין פאַרדאַרטער פוס...
צו ווייטן יונגע שוואַלבן
זיך ציען אין אַ שנור.

צו ווייטן מילדע בליקן
זיך העפטן אין געבעט.
אין רוימען אין צעבליטע
אַ פרייד אַ גרינגע שוועבט.

אין הארצן אין צעהיצטן
צעפּליעסקעט זיך אַ קוואַל
און סציען זיך די ליפּן
צום שיינענדיקן שליאַך.

אַ, רילקע, פרומער ברודער
פון פאַרכטיק־גרויע בערג,
ווי דו, ווי דו, ווי דו דאָ,
איך קני און קוש די ערד!

עס פּלייצט פון האָריזאָנטן
מיט כוואַליענדיקער טרייסט
און קוואַלן נעמען שלאָגן
פון יעדן שטומען שטיין.

און לידער נעמען שאַלן
אין נידער און אין הויך.
אַ, פּאַטער זיסער, טאַטע,
מיין טפילע דיר, מיין לויב!

איך בין פון שטאָט אַנטלאָפן
פון טומל און פון רויש
און דאָ שוין בלייב איך, דאָ שוין,
אין פריידן און אין נויט.

און דאָ שוין, דאָ שוין וואוין איך
מיט וואַלד און בארג, און טאָל,
מיט קינדער און מיט שכיינים
פון פאַרם און פון דאָרף.

מיט שטיינער און מיט פעלזן,
מיט קעלבער און מיט הינט,
מיט ברייטן און מיט פעלדער,
מיט ווייטן און מיט ווינט.

מיט בוימער און מיט גראזן,
מיט שליאכן און מיט טאָג,
מיט נאכט און מיט לעוואָנע,
מיט שטערן און מיט גאָט!

גרינגע פריידן

ד. משארניי

לויטער ווערט שוין, לויטער, לויטער מיין געמיט.
אויגן נעמען קלאָרן. וויין ניט, האַרץ מיינס, וויין ניט.
ביז די שטאָלצע הימלען קלעטער היינט, מיין ליד,
און צעפּערל זיך אויף שטראַלנדיקע פּליינען.

שטראַלנדיק און פּערלדיק דער גרינגער וועג.
יאָגעניש פון צוג צו בלאַנקע האָריזאָנטן.
רוישט־זשע, רעדער, סאיז אין אומרו מיר ניט שווער,
סאיז אין אומרו גוט מיר, סאיז אין אומרו יאָנטעוו.

יאָנטעוו, יאָנטעוו, יאָנטעוו מיינער אויפן פעלד
אין א טאָג אזא א שלאַנקן, ווי א סאָסנע,
אין א טאָג אזא א שטייפן ווי א דעמב,
פרוכפּערדיק און שעפעדיק מיט זון באַגאָסן.

אין א טאָג אזא פון האָניק און פון מילך,
ווינטלדיק און האָפערדיק מיט אָטעם רייַנעם.
ביז די שטאָלצע הימלען קלעטער היינט, מיין ליד,
און צעפּערל זיך אויף שטראַלנדיקע פּליינען.

טריף מיר, זון, אַן גאָלד אין הארצן.
גרינט מיר, פעלדער, אוים מיין בליק.
זאָל מיט ווערטער־רויזן צארטע
זיך צעבליען היינט מיין ליד.

אָפּגעטרייסלט שטויב פון שטאָט שוין
שמייכלט ווידער שלאַנקע ווייט,
שטיפן ווידער רעגעס נאָנטע,
אויסגעשליפענע פון שיין.

סאיז אַ טאָג היינט — מילך און האָניק.
גוט איז גיין מיט גרינגן שפּאַן.
גלעט מיך, ווינטל, גלעט מיך, קלאָרער,
מיט דיין גראזיק־ווייכער האנט.

בוימער שיסן היינט מיט קנאָספּן.
ציטערט בלויע הימל־הויט.
סאיז מיט קנאָספּן פול מיין קאָפּ שוין
און מיין פּאָנים בליט מיט טוי.

העי, איר, פריידן, גרין געוויטער,
טריף און טריף, דו, גאָלדן גליק!
כוועל אויף ערדן היינט צעשיטן
יונגע רויזן פון מיין ליד.

אין די פּריען, אין די לויטערע, צעבלויטע אינדערפריען
שמייכלען הימלען אַזוי ליבטיק, שמייכלען הימלען אַזוי קינדיש־צאַרט;
גלאַנצן בערג אין יונגן זונשיין, בוימער פּלאַטערן און פינקלען;
ווײנט אַרויס אַ פרייד אַ ראָזע, טריפט אַרויס פון יעדן גראָז און בלאַט.

אין די פּריען, אין די לויטערע, צעבלויטע אינדערפריען
פליסט אויף וועגן מילך פון טויען, פליסט דער פרישער, זילבערדיקער טוי;
בליען וועגן אַזוי ווייניק, האָניקט אַזאַ דינע זיסקייט,
שלײנגלען וועגן זיך צו שפּיצן, אויסגעשפּינטע אין אַ העלן טרוים.

אין די פּריען, אין די לויטערע, צעבלויטע אינדערפריען
קלינגען קוואַלען אין די טאָלן, קוועלן אָן מיט בליצאַלאַך קרישטאַל;
זינגען פייגלען אין די וועלדער, שפּילן אין די גרינע טיפן,
שמעלצט אין טײכלאַך זיך אין בלאַנקע, שמעלצט און פּערלט זיך צעזוניקט גאָלד.

אין די פּריען, אין די לויטערע, צעבלויטע אינדערפריען
שפּאַן איך אום אַזאַ צעקלאַרטער, שפּאַן איך אום צעלויכטן, ווי אַ קינד;
לידער שאַלן אויף די ליפּן, העזלאַך הוידען זיך אין בליקן
און דאָס האַרץ מײַנס, און דאָס האַרץ מײַנס — אויסגעקושט פון בלויסטן,
פלינקסטן ווינט.

פרישער, דופטנדיקער פעלדער־וועג,
גראָזן זאַפטיקע מיט טוי באַרעגנט.
ווידער שפּאַן איך היינט אויף גרינער ערד
מיט אַ יונגן פּאָנים טאָג אַנקעגן.

כהאָב זיך אויפגעכאַפּט אין העלן פרי
מיטן ערשטן פויגל־קלאַנג אויף בוימער.
הימלען קלאָרע האָבן זיך צעבליט,
הימלען הויכע, הימלען אויסגעבלויטע.

עטערדיק געכוואַליעט האָט די לופט,
פליצנדיק מיט שאַרפן ווײַן, מיט האָניק, —
איז געוואָרן גרינג אַזוי דעם גוף,
איז געוואָרן לייכט אויף דער נעשאָמע.

כבין אַרויס אַ מונטערער פון שטוב,
שפּאַנען זיך געלאָזט אַ ווילד־פאַרשייטער.
ווינטלאַך שטיפן און די הייסע זון
שפּינט איר גאָלד שוין אין די ראָזע ווייטן.

זון, מיין שטראַלנדיקע, בלאַנקע טרייסט,
מאַמע הייליקע פון ליכט און לעבן,
מיט דיין שמייכל שטענדיק מיך דערפריי
און באַשיץ אויף אַלע מיינע וועגן.

פרישער, דופטנדיקער פעלדער־וועג,
גראָזן זאַפטיקע מיט טוי באַרעגנט.
ווידער שפּאַן איך היינט אויף גרינער ערד
מיט אַ יונגן פּאָנים טאָג אַנקעגן.

ד. בערגעלסאנען

נאָכאַמאָל פון פרייד פון ליכטיקער געניסן,
נאָכאַמאָל צו זאַנגען גילדערנע זיך טוליען:
שוועסטער מיינע, שוועסטער, שוועסטער גרינגע, פרישע,
סאיז אזוי מיר גוט מיט אייך אין פעלד אין פרומען.

כבין דאָך נאָך א קינד, א קינד מיט קלאָרע בליקן.
סאיז מיט ווינט מיר גוט און סאיז מיר גוט מיט ביימער.
זון איז מיר א כאַוועף, הימל שיינקט מיר לידער,
ערד איז מיר א מוטערל, א צארט־פארטרוימטע.

ערד, מיין טרייסט מיין איינציקע אין לעבן גרויען,
ערד, מיין מאַמעלע אין פלאָגן און אין וואונדן,
אויף דיין ברוסט דיין גרינער העלער ווערט מיין טרויער,
אויף דיין ברוסט דיין צארטער בלויער ווערט מיין וואונדער.

סאיז אזוי מיר זיס צו דיר היינט מיין צוריקקער,
סווילט זיך הייסער, הייסער קושן דיינע שטויבן.
כבין דאָך נאָך א קינד, א קינד מיט קלאָרע בליקן.
סאיז מיט ווינט מיר גוט און סאיז מיר גוט מיט ביימער.

פריידן, גרינגע פריידן, רעגעס אויסגעשטראַלטע.
ווידער אויף די שליאַכן ליד מיינס האָט צעשאָלט זיך.

ווידער אויף די שליאַכן, ווי אין פרי פון יאָרן.
פריד צו אייך, צעגרינטע, ליכטיקע בעריאָזעס.

סאיז אַ טאָג אַ וואוילער, סאיז אַ טאָג אַ גוטער, —
גיי איך אַזוי לוסטיק, גיי איך אַזוי מונטער.

שיינען פעלדער רייפע, צאַרט די ווייט און קלאָר איז.
היינט, דו, יונגער גאַנג פון נעכטן און ביז מאָרגן.

היינט, דו, טראַפן גליק אין שאָל פון שאַרפע ווייען.
שפיל זיך, טרוים צעבליטער, הוידע זיך און פריי דיך.

ספּליסט די רו דאָ מילדער און די גראָזן שטיפן.
נידער, טרייסט, פון הימלען אויסגעבלויטע, טיפע.

נידער אויף מיין קאָפּ מיר, זוניק אויפגעהעלטן.
מיט די פלינקעווינטן פליען היינט געפעלט מיר.

ווינטן, לייכטע ווינטן, בלאָזט מיט זיסער פרישקייט.
ווי אַ טייך אין פרילינג האַרץ מיינס היינט צעגיסט זיך.

העי, איר, זאַנגען שלאַנקע, שוועסטער מיינע בלאָנדע,
לאָמיר זיך צעקושן, לאָמיר זיך פאַרפּלאָנטען.

העי, איר, דעמבעס שטייפע, וואָרצלדיק און קרעפטיק,
לאָמיר זיך פאַרמישן, לאָמיר זיך באַהעפטן.

סאָטעמט ברייטער ברוסט דאָ, — שטעלט זיך טראָט נאָך האַרטער.
סאיז נאָך דאָ אַ באָדן, סאיז נאָך דאָ אַ שוואַרצערד.

און די שליאַכן רופן, און די שליאַכן מאָנען.
פלאַטער, קאָפּ פאַטלאַטער, ווי אַ שטאָלצע פאָן, היינט.

פלאַטער און ניט מיד ווער, ווי מיין ליד אין שאָלן.
פריידן, גרינגע פריידן, רעגעס אויסגעשטראַלטע.

פליוש — די ערד און זייד — די הימלען, זייד.
פרילינג מיינער, בלויער פרילינג, בלויער מאי.
צוויט — אויף בוים און גאָלד — אויף שליאכן, גאָלד.
יאַנטעוו מיינער, העלער יאַנטעוו, העלע וואָר.

טאַנצן העזעלאַך אויף וויעס,
צערטלט ווינטאַלע און שטיפט.
לאָזן מיר זיך, ליבסטע, פליען,
לאָזן מיר זיך מיטן ווינט.

אויפן לייוונט פון די פעלדער —
אויסגעהאַפט די בונטסטע קוויט.
פלעכטן מיר פון קוויטן העלע
קראַנצן צוויטנדיקע צוויי.

שיינען אויף צוויי העלע קרוינען
אויף צעבליטע יונגע קעפּ.
נעמט זיך הייסער פרייד צעברויזן
און זי לאָזט זיך אין געיעג.

קלינגען טאָג אַ גאַנצן הילכיק
טריט פאַרשייטע אינעם פעלד.
הענט — אין פלאַטער, פיס — אין פלינקייט, —
צו דעם בלויען הימל־ענד.

קלאָר די לופט איז, שלאַנק דער טאָג איז
און דער הימל־ענד אַנטלויפט.
פיס אַלץ יאָגן, פיס אַלץ טראָגן,
ביז עס פאַלט דער אָוונט־טוי.

נידערט אָוונט. מידע, שטילע
רוען מיר אין גרינעם גראָז
ערד — אין שוויינן און דער הימל —
אָנגעפּיקט מיט רויטן מאָן.

שווייגן פויגלען, שווייגן בוימער,
אין די בלעטער רוט דער ווינט,
דורך די צווייגן, די פאַרטרוימטע
גיסט זיך, גיסט זיך נאַכטן־טינט.

וויין — אין לייב און מאי — אין בליקן, מאי.
ליבע מיינע, פרישע מיינע, זיסער פריינט.
גאָלד — אין ליד און צווים — אין האַרצן, צווייט.
קליינע מיינע, שיינע מיינע, צאַרטעס קינד.

נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אויף הויכע בערג,
נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל צו זון, צו העלער.
ספּאַלגן נאָך די פֿיס דער אויפֿגעגרינטער ערד,
סציען נאָך די בליקן צו די בלויע שוועלן.

אויף אַ שפּיץ אַ הייסן שטייט אַ יונגער קליאַן,
ווינטן ווילד־פֿאַרשייטע קלינגען אין די בלעטער.
קאָפּ מיין קאָפּ, מיין דולער, ווילד־פֿאַרשייטער קאָפּ,
קלעטער העכער, קלעטער העכער, קלעטער העכער.

זון און טאָג, און שליאַך, און בוים, און גראָז און טוי.
וועלדער פֿרישע, טיפֿן גרינע, קוואַלן קלאָרע.
טו אַ פֿלי צום הימל, האַרץ מיינס, ווי אַ טויב,
טו אַ פֿלי און טו אַ שפּיל, און טו אַ וואָרקע.

ספּאַלגן נאָך די פֿיס דער אויפֿגעגרינטער ערד,
סציען נאָך די בליקן צו די בלויע שוועלן,
נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל אויף הויכע בערג,
נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל צו זון, צו העלער.

לויטערער פרימאָרגן. זון אויף גרינע פּלעצער.
ווינטן לינדע קלינגען: פרילינג, פרילינג ווידער.
שעפּ זיך אָן מיט רו היינט, האַרץ מיינס אָפּגעצערטעס,
טרינקט זיך אָן מיט כּיעס, גלידער מיינע מידע.

וואָגלען, וואָגלען איז באַשערט מיר, וואָגלען שטענדיק.
יאָרן, יאָרן קלאָרע אויפן ווינט צעביטן,
וואַקלען זיך שוין פּיס אַצינד אין גאַנג אין שווערן,
בויגט זיך שוין דער קאָפּ אַראָפּ צו ערד צעבליטער.

ערד אין ראָזע טויען. פרילינגס פרומע טרערן...
טרערן בעטן זיך אויף וויעס אָפּגעפרישטע.
פריש איז, ערד, דיין אָטעם, יונג אין האַרבסט, אין שפּעטן,
אינגער, פרישער נאָך — אין פרילינגס בלויע פריען.

פריען אָט אַזעלכע שיינען נאָך אויף פּלעצער,
פרילינג־ווינטלאַך מילדע קלינגען נאָך מיט לידער.
שעפּ זיך אָן מיט רו היינט, האַרץ מיינס אָפּגעצערטעס,
טרינקט זיך אָן מיט כּיעס, גלידער מיינע מידע.

נאָך שפּילן זיך די הויכע טעג מיט ווינטן העלע,
נאָך בלויען זיך די רוימען איבער גרינס פון בערג.
אפּסניי איך שפּאַן אין לויטערן, אין גרינגן קלערן,
אפּסניי איך שפּאַן אויף ווייכער, צערטלענדיקער ערד.

אַ שטילקייט אַזאַ ליכטיקע אויף פעלדער שפּרייט זיך,
עס הילן בוימער זיך אין דופנטדיקער רו.
סע שווימען ווידער אָן די לאַנג־געגאַרטע פריידן
און שאָלן נעמט מיט קלאַנגען שטראַליקע מיין בלוט.

אָ, ווערטער ווייניקע, מיט הימל־טוי באַפּרישטע,
אָ, לידער גילדערנע, מיט זונען־שיין באַקלאָרט, —
איך שפּיר שוין ווידער, ווידער אייער דינע זיסקייט
און סבוינט מיין קאָפּ זיך לייכטער אונטער אייער יאָך.

סע שטאָלט מיין האַרץ זיך אָן אויף נייע, האַרטע דראַנגען
און הייליק־טייער ווערט דער דיכטערישער פּיין.
אויף ווענגן פליסט די האַניקדיקע זאַפט פון זאַנגען
און סווינקט, און רופט די בלאַנקע, גראַזנדיקע ווייט.

מיט ווייט, מיט ברייט, מיט פעלדער און מיט שלאַנקע שליאַכן,
אויף נייעם גאַנג, מיט נייער מוט, מיט נייער פרייד
און ציען זיך מיט טריט, מיט הייטערע, און שפּאַנען,
און גיין, און שפּאַנען, און ניט מיד ווערן צו גיין.

נאָך שפּילן זיך די הויכע טעג מיט ווינטן העלע
נאָך בלויען זיך די רוימען איבער גרינס פון בערג.
אפּסניי איך שפּאַן אין לויטערן, אין גרינגן קלערן
אפּסניי איך שפּאַן אויף ווייכער, צערטלענדיקער ערד.

דעם צאַרטן שניי פון בוימער־בליאונג,
דעם גרינעם זייד פון ווייכער ערד
מיר ווילט זיך היינט מיט ליפּ באַרירן,
מיר ווילט זיך גלעטן מיט די הענט.

אַ גרוס, מיין פריינט, אַ גרוס פון פעלדער
אין גרינגן, פרילינגדיקן טאָג.
עס בלויט די לופט און יונגער לעבן
מיט שטאָלץ צום הויכן הימל שלאָגט.

עס העלט די זון און סקלאַרן ווייטן,
עס בליט די קווייט און סרייפט דער בעז.
אין פּאַרכטיק פרייד, אין הייליק שווייגן
איך קני און קוש פאַר אייך די ערד.

פויגל־שפּיל און קוואַלן־קלאַנג, און בלוי פון הימלען,
בוימער־רויש און גראָזן־שושק, און טוי פון גינען.

איז אַ פרייד אַזאַ צעגרינט אויף בערג און טאָלן,
איז אַ פרייד אַזאַ צעהעלט אויף וועג, אויף שטאָלן.

וועג מיין וועג, מיין איינציקער, מיין פירער טרייער,
פיר מיך, פיר מיך היינט אַפּסניי צו ריינע ווייטן.

פיר מיך, פיר מיך היינט אַפּסניי צו ברעגן קלאָרע,
אַז עס זאָל מיין האַרץ אין שיין פון זון זיך באָדן.

אַז עס זאָל מיין קינדיש האַרץ אין זון זיך פליעסקען
און כאַלוימעס פינסטערע פון נאַכט פאַרגעסן.

און כאַלוימעס שרעקיקע פון נאַכט צעוויין.
טאָג אויף שטאַפּלען קלעטערט פון אַ גאָלדן לייטער.

טאָג צעשפּרייט שוין אין די הויכן פליגלען ווייסע.
פיר מיך, וועג מיין ליכטיקער, אַלץ ווייטער, ווייטער.

בוימער־רויש און גראָזן־שושק, און טוי פון גינען,
פויגל־שפּיל און קוואַלן־קלאַנג, און בלוי פון הימלען.

אין פּאַרק־טאָן

נאָכן רעגן וועלן וואָלקנס זיך צעפּליען,
נאָכן רעגן וועט זיך זון אין הויך צעבליען,
נאָכן רעגן, נאָכן רעגן וועלן פעלדער,
וועלן פליינען מיט געווירצן זיך צעשמעקן.

נאָכן רעגן וועלן הימלען זיך צעבלויען,
נאָכן רעגן וועט די לופט זיך פריש צעטויען,
נאָכן רעגן, נאָכן רעגן וועלן ווינטלאַך,
גרינגע ווינטלאַך, אויף די גראזן זיך צעווינגן.

נאָכן רעגן וועלן וועלדער זיך צעפינקלען,
נאָכן רעגן וועלן פויגלען זיך צעקלינגען,
נאָכן רעגן, נאָכן רעגן וועלן קוואַלן,
זיסע קוואַלן, הילכיק־לויטער זיך צעשאַלן.

נאָכן רעגן וועגן וועגן זיך באַנייען,
נאָכן רעגן וועלן ווייטן זיך צעשיינען,
נאָכן רעגן, נאָכן רעגן וועלן טאָלן,
בערג און טאָלן, אין קאָלירן זיך באַמאָלן.

נאָכן רעגן וועלן אויגן זיך צעגלאַנצן,
נאָכן רעגן וועלן הערצער זיך צעטאַנצן,
נאָכן רעגן, נאָכן רעגן וועט די ליבע,
אונזער ליבע, זוניק־העלער זיך צעבליען.

אָפּגעשוואָומען איז אַ בלויער טאָג אויף רויטער שיף פון שקיע,
אָפּגעשוואָומען איז אַ בלויער טאָג אין שוואַרצן יאַם פון נאַכט.
איצטער רוען אויף דער בעט, דער ווייסער, מיינע מידע גלידער,
איצטער רייפט אין האַרץ, אין וואַכן, העלע בליאונג פון געזאַנג.

מילדער היינט, אַ שטיפּערישער פּריינט אַזאַ,
וויפל, וויפל פריידן האָט ער מיר פאַרשאַפט.

אויפגעכאַפּט זיך מונטער אינעם הויכן פרי
און אין טפילע לויטערער צו זון געקנים.

אָפּגעוואַשן זיך די הענט מיט שעפערם טוי,
זיך דערקוויקט דאָס האַרץ מיט הייליק־פראַסטן ברויט.

און דעם יונגן קאָפּ אוועקגעטראָגן היינט
ווידער, ווידער צו דער שיינענדיקער ווייט.

טאָג אַ גאַנצן גרינג געקלעטערט אויף די בערג,
אויסגעזופּט דאָס גאָרע גאָלד פון גרינער ערד.

גלעטן זיך געלאָזט פון ווילד־פאַרשייטן ווינט,
פיבער־לייב מיט קילן וואַסער אָפּגעפרישט.

און געשיפּלט זיך מיט קינדער, דול פון פרייד,
דול פון לעבן, אונטער בלויען הימל־פליין.

לידער היינט געלייענט, לידער אויסגעהערט
צו און פון אַ קלוגן כאַווער אַ פּאָעט.

צאַרט געהאַלזט אַ ליבע פרוי און אויסגעקושט
גאָר דעם שניי פון שטייפער, שטראַלנדיקער ברוסט.

און ביז שפּעטער שאָטנס־שאָ פון אָוונט־רויט
שאַרפן ווײַן געטרונקען פון איר זיסן שוים.

אָפּגעשוואומען איז אַ בלויער טאָג אויף רויטער שיף פון שקיע,
אָפּגעשוואומען איז אַ בלויער טאָג אין שוואַרצן יאַם פון נאַכט.
איצטער רוען אויף דער בעט, דער ווייסער, מיינע מידע גלידער,
איצטער רייפּט אין האַרץ, אין וואַכן העלע בליאונג פון געזאַנג.

סאָפּזומער־טעג מיט בלוי און זון געבענטשטע,
סאָפּזומער־טעג אין האָניק און אין ווייַן.
די ערד אין רו, אין זאַטער, אויסגעבעט איז
און טויאיק־צאַרט פאַרהייטלט איז די ווייט.

מיט קלאָרן הארצן גוט איז איצט צו שפּאַנען
אַליין, אַליין מיט טעג אויף גאָטס באַראָט.
אויף גיפּן פרישע בליען אויף געזאַנגען
און סקייטלען זיך שוין העלער וואָרט צו וואָרט.

א ליד, אַ פרייע וואַנדער־ליד, פאַרציען
און צושפּילן אין בלעטער זאָל דער ווינט.
עס קלערט נאָך ניט די הויכע זון פון שקיע
און קושט, און וואַרעמט נאָך מיין ריינעם בליק.

עס איז נאָך לאַנג דער וועג און פול מיט וואונדער,
און בוימער־טרייסט איז מילד אַזוי און גוט,
און גוט איז מיר אין דאָרשט, און גוט — אין הונגער
צו שפּאַנען מונטערדיק מיט גרינגן גוף.

איך בין נאָך גרינג און לייכטער פון אַ קינד נאָך,
און פרייד פאַרמאָגט אַזויפיל מיין געמיט,
און פול איך בין מיט לידער, ווי אַ מילגרוים,
און פזינגט די ערד, די גאָרע, אונטער טריט.

איך וועל נאָך גיין און וואַנדערן איך וועל נאָך
מיט פריידיקן, מיט האָפּערדיקן גאַנג,
און גיין איך וועל און קומען, און זיך שטעלן
אַ פריידיקער אויף ברוינער שוועל פון הארבסט.

נו, אַ סאַף, געגוג געוואַנדערט
סיי אין זומער, סיי אין ווינטער
און געשפּילט זיך, און געכאַוועט
מיט די פּייפנדיקע ווינטן.

זייט געזונט מיר, ברייטע שליאכן,
שקיעס צונטערע און בלאַסע,
איר, צעשטערנטע באַנאַכטן,
ערגעץ דאָרט באַם פרומען וואַסער.

כקען אייך מער ניט, האָריזאָנטן,
און אייך הימלען, — גאָלע שאַבעס, —
זאָלן העגער און וואָראָנעס
צו אייך זינגען, צו אייך דאַוונען.

נידער מיט לעוואָנעס טרויער
און מיט ליבע־טרוימען בלאָנדע.
סאיז דאָך שימל, פוילע סכוירע,
פאַר פּאָעטן און באַטלאָנים.

איז אַ סאַף, געגוג געוואַנדערט
סיי אין הארבסט, און סיי אין פרילינג.
כשטעל אַ היים אַוועק אויף לאַנד דאָ,
אויף דער ערד דאָ, אויף דער גרינער.

ווייט פון שטאָט און ווייט פון שטעטל,
רונד אַרום — נאָר סטעפּ און סטעפּ נאָר.
נעם איך זיך דעם סטעפּ צעבעטן
אין אַ בונטן טוואַוע־טעפּיך.

גוט איז ערד מיט מיסט באַפּלעקן,
גוט איז ערד מיט שוויים פאַרמישן.
בקויף אַ וואָגן זיך און פערד איין
און איך ווער אַ קאָלאָניסט מיר.

בנעם אַ ווייב פון היגן קאַנט זיך:
זאַפטיק, פראַסט און שטייף ווי אייזן.
איך וועל פירן מיטן אַקער
און זי וועט די פערד אָנשמייסן.

און געטאָן נאָר און געאַרבעט
פון באַגינען ביז באַגינען,
סיי אין זומער, סיי אין האַרבסט־צייט,
סיי אין ווינטער, סיי אין פרילינג.

וואַקסט אַ היים אויף, בליט אַ הויף שוין,
אויף די לאָנקעס — שאָף און רינדער.
איז אַ שעפע אויף די אויפעס
און ווי קאָרן בליען קינדער...

איז שוין טוואָוע הויך און צייטיק,
איז געשניטן מיט געזאַנגען, —
און עס ווערט דער שלונג פון שייער
אָנגעפילט מיט גאָלד פון זאַנגען.

שמעקט אין שטוב מיט פרישן ברויט שוין,
שלאָגט אַ פאַרע פון די טעפּלאַך.
סאַראַ גליק און סאַראַ פרייד איז
פּאַשען זיך אויף פעטן קעסט דאָ.

סאַראַ פרייד און סאַראַ גוטסקייט
זיין איז איצט אַ קאָלאָניסט מיר:
ווילסטו מילך דיר — גלייך פון קו נעם,
ווילסטו האָניק — נעם פון בינשטאָק...

גרינען קויכעס אָן אין הארצן,
קלאַפן רווישיקער געבליטן.
אָט אַ באָדן, אָט אַ שווארצערד,
און די לופט — אזאַ געווירצטע!

גייסט ארויס פון איינן שוועל זיך,
שרייט אַ פרייד ארויס ביז טרערן.
אויסגעגרינטע שיינען פעלדער
און אויף ווייטן — ערד און ערד נאָר.

עך, דו, ערדעלע צעבליטע,
ניט צו רירן דיך פון אָרט, ערד...
אזוי עקבערן דיין טיפקייט
ווילט זיך מיר מיט טיפע וואָרצלען.

אַלץ וואָס שלאָגט מיט טיפע וואָרצלען
ליב איך, ערד, שוין פון לאַנגאַנען:
דעמבעס קרעפטיקע און יאָדלעס,
סאָסנעס גילדערנע און קליאָנען.

ליבן ליב איך אויך בעריאָזעס
מיט די מיידלש־צארטע העלזער.
מירצעשעם, איבעראַיאָר שוין
נעם איך פלאַנצן זיך אַ וועלדל...

אין שטומער קעניגרייך פון בערג

— פיו־פיו, פיו־פיו! — האָט צוג צעפּייפּט זיך איבער פעלדער
און רעדער שווינדלענדיקע האָבן זיך צעיאָגט.
אין מידן הארצן האָט גענומען עפּעס העלן,
פון מאַטן פּאָנים איז אַראָפּ דער פוילער שלאָף.

אין בליקן אויפגעהייטערטע איז אָנגעפלויגן
אַ וועלט אַ זומערדיקע, היציק און צעבליט.
אויף גראָזן ראָזע ווינטלדיק האָט זיך געהוידעט
אַ בלויאינקער, אַ שעמעוודיקער אינדערפרי.

אויף ביימער־קרוינען ליכטיקע האָט זיך געפּיעסטעט
אַ בלאָנד־געקרייזלטע, אַ שמייכלענדיקע זון.
די גרינגע ערד האָט זיך צום הימל אַלץ געהעכערט
און ווייניקער, און שאַרפער האָט פאַרשמעקט די לופט.

— דאָ האָבן מיר די הויך פון יאַם אויף פוס נאָר הונדערט —
געזאָגט האָט מיינס אַ שאָכן צו אַ יונגער פרוי.
— קלינג־קלאַנג, קלינג־קלאַנג! — האָט צוג זיך האָפּערדיק צעקלונגען
און מונטער זיך גענומען דראַפּען אינדערהויך.

אין „פלאַרע־רייך״ צעפלאַקערט האָט זיך אַ מילכאָמע
און קליאָן און דעמב געקייקלט האָבן זיך אין טאָל.
אויף קערק פון בערג אַרויפגעקלעטערט האָבן יאָדלעס
און שטאָלץ, און שלאַנק, און נאָדלדיק פאַרכאַפּט דעם טראָן...

בעריאָזעס האָבן זיך געאײַלט אין שרעק אין בלינדער
אַראָפּ, אַראָפּ אין נידעריק פאַרקלײנטן פעלד.
אויף קעפּ פון בערג האָט זיך צעוואַלגערט בייזער ווילדוואַלד
און זיך פאַרצאַמט מיט האַרטן שטיין און שטייפן פעלז.

— דאָ האָבן מיר די הויך פון יאַם אויף פוס שוין טויזנט —
געטאָן האָט זיך מיין שאָכן צו דער פרוי אַ ווענד.
— פיו־פיו, פיו־פיו! — האָט צוג זיך מיטאַמאָל צעברויגעזט
און איז אַריין אין באַרגישע פאַרשפּיצטע ווענט.

גיסט זיך ליכטיקער פרימאָרגן אין די בערג.
פון שטאָט, פון שטויביקער און גרויער, כקום צופאָרן,
זיך ציען דאָ ארויף אינאיינעם מיט דער ערד
צו העלער לויטערקייט, צו לופט צו אויסגעקלאָרטער.

גיסט זיך ליכטיקער פרימאָרגן אין די בערג.
אָ, צינדט זיך, צינדט זיך הייסער, בליקן מיינע פרישע.
צו הויכן שליינגלט זיך און פירט א שלאנקער וועג
און וועט צו שפיצן זוניקע מיך הײנט דערפירן.

גיסט זיך ליכטיקער פרימאָרגן אין די בערג.
אָ, קלינג, מיין הארץ, צעקלינג זיך היינט מיט בלאנקע לידער.
אין הויכן אָדלערשע מיין גוף מיין גרינגער שוועבט
און נאָנט איז שוין די סאמעט־יארמעלקע פון הימל.

איך בין אריין אין מיט פון טאָג אין באַרגיק־אויסגעגרינטן מדבאַר.
פון אַלע זייטן האָבן בערג מיט ווענט מיט שטאָלצע מיך פאַרינגלט.

פון אַלע זייטן האָבן בערג אין הימלען ליכטיקע געהויכט זיך
מיט קעפּ, מיט ווילד־באַוואַקסענע, געהילט אין נעפּלדיקע רויכן.

מיט שטיקער שטיין, מיט בראָכן פעלז אויף רוקנס ביינערדיקע, שטייפע,
באַקרוינט מיט וואַלד, מיט שטעכיקן, באַזוימט מיט הויקערדיקע ווייטן.

געברענט האָט טאָג, געבלענדט האָט זון און שפּיצן באַרגישע געצונדן.
כהאָב זיך געשטעלט אויף העכסטן שפּיץ, דעם בליק געהעפט צום בייזן וואונדער:

סע שטייען בערג אויף נאָענט און ווייט, סע שטוינען בערג אין אַלע זייטן,
סע שטייען בערג מיט ריזן־קעפּ און הויערן אין טיפן שווייגן.

אין מיזראַך — בערג, אין מייריעוו — בערג און בערג — אין צאָפן און אין דאָרעם,
אין אַלע ענדן שטוינען בערג און הויערן אין טיפן כאַלעם.

געברענט האָט טאָג, געבלענדט האָט זון, געשפּיזט מיט בלינדקייט אין די אויגן.
פאַרביינעפּלאַטערט האָט אַן אָדלער, אויסגעשריען און פאַרפלויגן.

איך בין געשטאַנען אויפן שפּיץ און מיט די בערג אין זון געגליווערט,
איך בין געשטאַנען איין־אַליין און מיט די בערג געשטויגט, געשוויגן.

סהאָט דאָ אַמאָל, מיט יאָרן טויזנטער צוריק, געברויזט אַ שטורעם.
עס האָבן טיפן ערדישע צעשפּאָלטן זיך און זיך צעדונערט.

אַ שלאַנג־געטאָן האָט, קנאַלנדיק, אַרויף־אַרויף מיט פייער־שטראָמען,
מיט שוועבל זודיקן, מיט שטיינער גליאיקע, מיט לאַוועס סמאָלע.

געקאַרטשעט האָבן זיך אין קראַמפּן, אויפגעקנוידערטע, די פלאַכן
און סהאָט זיך קאָרע ערדישע אין היץ צעשויבערט און צעפּאַטלט.

אַ יאַם האָט זיך צעפלאַמט, אַ פליייץ־געטאָן מיט פלאַקערדיקע כוואַליעס.
און סהאָט געפלייצט, און סהאָט געבליצט אויף ליכטיקע, צעגלאַנצטע מיילן.

און סהאָט געפלייצט... ביז הויך און נידער האָבן זיך פאַרמישט, פאַרפלאָכטן,
און טאָג האָט זיך אין נאַכט פאַרקנוילט, און דאָרעם־פּאָל — אין פּאָל פון צאָפן.

און רוים האָט זיך פאַרקניפּט אין צייט... און אין וואולקאַנישע כאַאָסן, —
נערעגנט האָט, געגאָסן האָט, מיט הייסן בליי האָט עס געגאָסן.

ביז סהאָט זיך איינגעשטילט...ביז סהאָט זיך אָפּגעקילט... ביז סהאָט פאַרגליווערט...
און סהאָבן זיך פאַרקלאַמערט: כוואַליענדיקער יאַם מיט שטומען מידבאָר.

און סהאָבן זיך באַהעפט דאָן: אומרו אייביקער מיט טיפן שווייגן,
און פרידן דאָן געשלאָסן, פריד און רו אויף לאַנגע, לאַנגע צייטן.

דענאָך האָט צייט מיט גראָז באַשפּינט, מיט וואַלד באַדעקט, מיט וועלדער ווילדע
די כוואַליעס־בערג, פאַרגליווערטע אין שטומעניש פון גרינעם מידבאָר.

און סהאָבן זיך צעליינט אויף אָפּרו לאַנגן פעלז און שטיין, פאַרברודערט
מיט וואַלד און גראָז, — אַ סימען פונעם וויטן, אָפּגעקילטן שטורעם.

און יאָרן, יאָרן טויזנטער זיך האָבן שטיל געקייטלט
און רו, און שאָלעם אויפן באַרגיק־מידבערדיקן יאַם געשפּרייט דאָ.

איצט שטיי איך דאָ און קוק זיי אָן, די כוואַליעס־בערג, אין זון פאַרגליווערט,
איצט שטיי איך דאָ אַליין און שוויינ אין טיפער שטומעניש פון באַרגיק־אויסגעגרינטן
מידבאָר.

אין שטומער קעניגרייך פון בערג צעבליט האָט זיך דער בייזער דאָרן
און מיט א הויכער, הארטער וואנט האָט ער די קעניגרייך פארינגלט.
באם איינגאנג שטייט א בוים־סקעלעט, צעדארט, צעהויקערט און צעאָדערט,
און עפעס טייט ער, עפעס שרעקט ער מיט די אויסגענאָגטע פינגער.

אין שטומער קעניגרייך פון בערג זיך שליינגלען שטעכעדיקע וועגן
און ציען זיך ארויף דורך אורוואלד צו א וויסט־צעשטערטער פעסטונג,
וואו סרועו שטיינער ריזיקע מיט מאָך און שימל־קרעץ באדעקטע
און פעלזן הויערן אין שפאלטן־פול פאר אָדלערישע נעסטן.

אין שטומער קעניגרייך פון בערג באוואפנט שטייען גרויע יאָדלעס
מיט פיקעס גליווערדיק פארשטאָכן אינעם הימלשן פאָרויכעס...
אויף פרישע פעלזיקע מאציייועס ווארטן זשאווערדיקע גראזן,
און שטיל איז, שטיל... און עפעס גרייט מען זיך נאָך צו א שלאכט א גרויסער.

אין שטומער קעניגרייך פון בערג זיך הוידען אום פארשטיקטע קוילעס,
און ערגעץ, אין די בלינדע טיפן, שרייען אלץ און סריזלען קוואלן.
נאָר אין די הויכן, אין די קאלטע הויכן, מידבארדיק און טויט איז,
און סגייט דאָרט אום די זון און פאָכעט מיט איר בלענדנדיקן כאלעף...

אין שטומער קעניגרייך פון בערג איך שפאַן און קען זיך ניט דערפרעגן:
ווער האלט דאָ מאכט, וואו איז דער טראָן און ווער דער קייסער איז, —
מע ווייס ניט...
איך בלאָנקע אום, איך קלעטער לאנג, איך שטעל זיך אויפן שפיץ דעם העכסטן
און קרוין זיך, איינזאמער, אליין, און קרוין אליין זיך פארן קייסער...

אורוואַלד, ווילדוואַלד, בערג און פעלזן,
גרינע זאַפט אויף קערק פון שטיין,
רויע קראַפט פון רויען לעבן,
גלי פון ערדישן געביין.

אורוואַלד, ווילדוואַלד, בערג און פעלזן,
זומפּיק־שימלדיקער גרונט.
אין די הויכן שווימט אַ געלע,
געצנדינערישע זון.

דערנער — דאַרע מעקובאַלים —
אין דער פייער־זון צעגליט.
פון די שפּיצן אין די טאָלן
פליסן דינע נעפּלען מילך.

נעפּלען, טוי און רויש פון קוואַלן,
כאַיע־ברום און ווינט־געוואוי.
אין די גראָזן צישן שלאַנגען,
אָדלערס שוועבן אינדערהויך.

הימלען — זודיקע מידבאַריעס —
אין די שטראַלנדיקע טעג.
שטערן גרויסע, ווי לעוואָנעס, —
אין די סאָוועדיקע נעכט.

אין די בלינדע נעכט, די קאַלטע,
צווישן שטיין און באַרג, און מאָך
שפּאַנט דאָ אום אַליין דער אַלטער,
פאַר־בערייִשיסדיקער גאָט.

אויך ביז אהער דערגרייכט האָט מענטשנס האַנט, אויך ביז די העכסטע אורבערג,
און אויפגעוועקט זיי, גרייזע, פונעם טיפן, גליווערדיקן שלאָף.
און סהאָט אויף וויסטע, טויטע הויכן זיך צעשפּילט אַ פרישער שטורעם
מיט קלאַנגען האַמערשע, מיט ליד פון דראָט, פון אייזן און פון שטאָל.

צעוויגט, צעטרייסלט האָט זיך שטילקייט פונעם בארגיק־גרינעם מידבאָר.
עס האָט זיך מענטש פאַרמאָסטן אויפן שטומען, שטריינגן פרימיטיוו.
פאַרשניטן האָבן טיף זיך האַק און זעג אין האַריץ פון וועלדער ווילדע,
און פעלזן טויזנטיאַריקע געריסן האָט דער דינאַמיט.

מיט וועגן שטייף־געפלאָסטערטע האָט מענטש די בערג־לענדן פאַרגאָרטלט,
מיט שיין עלעקטרישן — צעקבערט בערגישע, פאַרשפּיצטע קעפּ, —
און אויפגעוואַקסן זיינען היימען אויף די בערג־שיפּועים האַרטע,
און אין דער לופט, דער דינער, האָט מיט רייכעס היימישע פאַרשמעקט.

עס פּאַשן זיך דאָ קי מיט גלעקלאַך אויף די סאַמעטענע העלזער,
און גענז, און אינדיקעס, און הינער נישטערן אין פעטן מיסט.
און בייזע קלאָווים, קלאָווים קודלעוואַטע, ניט קיין קלאָווים — בערן —
אויף שוועלן רוען, היטן פרעמדן אייגנס אָפּ בײַ יעדער טיר.

פון שטאָט, פון רוישיקער און גרויער, פליען אָן פאַרשייטע באַנען
און שליינגלען זיך אין רויכן קנויליקע, אין פייפן און געוואוי.
און ספּילן בערג זיך אָן, קאַדמוינים־בערג, פון רויטע אינדיאַנער
מיט ווידערקוילעם צוגישע, מיט שטאָטישן פאַרסאַמטן שטויב.

און סקומען אָן אהער פון שטאָט אַלרייטניקעס מיט זאַטע לייבער
זיך בראָטן אויף דער אינדיאַנער, געצנדינערישער זון...
און אין די נעכט, די הייליק־אויסגעשטערנטע, אין בלויען שווייגן
צעברויזט זיך עס מיט ליידנשאַפט, מיט שוויים, מיט שיקרעס און מיט זנוס.

אַ רואַך איז אַריין אין בערג און ביז די סאַמע העכסטע שפּיצן
צעיאָגט האָט ער זיך אויף דער פלינקער, אויף דער טייוולשער מאַשין...
און היט זיך, ברודער, היט זיך איצט שוין פאַר אַ קאַטאַסטראָפע, ברודער דיכטער,
מע קען שוין דאָ ניט שפּאַנען פראַנק און פריי אַזוי און זינגען מיטן ווינט! — — — —

אַ דערפּאַלע, אַ אישעוו אין די בערג,
פון אויפעס, פי און מענטשן — אַ מוראשניק.
אין גרינער רו צעשפּרייט איז דאָ די ערד
און שטיבלאַך הילצערנע — מיט זון געלאַטעט.

אַ דערפּאַלע, אַ אישעוו אין די בערג.
אין העלן פּלאָנטער קייטלען זיך די געסלאַך.
איך בלאָנקע דאָ אַרום אַליין, אַ גער,
אַ פרעמדער פויגל צווישן פרעמדע נעסטן.

פון ווייטע לענדער ציט אַהער מיין גאַנג
דורך בלינדע טעג און נעכט, דורך גרויע יאָרן.
און ערד איז הארט נאָך אַלץ פאַר יעדן שפּאַן,
און שטיינער נאָר — אַן אָנלען מיר צוקאָפּנס.

פון ווייטע לענדער פירט אַהער מיין גאַנג
דורך שטויב און ווינט, דורך שליאכן און דורך יאמען.
נאָר אויג מיט נאָוונאַד איז אַלץ ניט זאַט,
און האַרץ פאַרמעסט זיך נאָך אויף נייע דראַנגען.

אַ דערפּאַלע, אַ אישעוו אין די בערג.
אין פענסטער דרימלען דראָענדיקע צלאָמים...
איך בלאָנקע דאָ אַרום אַליין, אַ גער,
אין אויער קלינגט אַן אומבאַקאַנטער לאָשן.

סאיז האַלבער זומער־טאָג. עס בראָט די זון.
אין בלויען ליכט די בערג און טאָלן פינקלען.
סוועט רוען דאָ אַ ווייל מיין מידער גוף
און סוועט זיך וואָגל־וועג אָפּסניי צעוויקלען.

פֿאַרנאַכטן אין די בערג. דער הימל אויסגעקלאָרט איז.
נאָר וואָלקנדלאַך אַ פּאָר אין רויט און ראָז שפּאַצירן.
עס ברענען ערגעץ פֿייערדיק די האָריזאָנטן.
עס בלעטערט זיך אַן אַלטער דעמב אין גאָלד פֿון שקיעה...

פֿאַרנאַכטן אין די בערג. די לופֿט איז קיל און טויאיק.
פֿון שטיבל כבין אַרויס, געלאָזט זיך לאַנגזאַם שפּאַנען.
סאיז ענדע מאַי. אין צווייט צעבליט זיינען די ביימער.
די ערד איז ווייך און אויסגעבעט אין גרינעם סאַמעט.

סאיז ענדע מאַי. דער מענטשן־שטראָם אין בערג שוין כוואַליעט.
עס וויקלט אויף שאָסייען זיך אַ שנור פֿון אויטאָס.
עס איילט די שטאָט אַהער אויף מאָלצייטן פֿון טייווע,
עס איילט אַהער די שטאָט אויף נעכט פֿון זינד, פֿון רויטער.

איך נעם זיך אויף אַ וועג אַ זייטיקן, אַ שטילן.
די רו איז טיפֿער דאָ, געדיכטער שאָטנס שוועבן.
די זשאַבעס ערגעץ דאַוונען מײַרעװ שוין בעציבור,
עס צינדן זיך אין הימל אָן די ערשטע שטערן.

אַ שטורעם אין די בערג. די לופט גערירכט און שווער איז
און כמאַרעם פינסטערע מיט ציין, מיט הייסע, קריצן.
עס צאַפּלען בליצן אויף אין פּאַספּאַרדיקן שוועבל
און דונערן צערייצטע רעדערן און ברילן.

אַ שטורעם אין די בערג. די וועלדער ווילד זיך וואַרפן,
פאַרשייטע בוימערישע קעפּ צעפּלאַטערט שוימען.
עס ברעכן אין געשריי זיך דעמבעס־פּאַטריאַרכן
און סאָסנעס אויסגעשלאַנקטע כוואַליען זיך און רוישן.

אַ שטורעם אין די בערג. מיט וואָיענדיקע בייטשן
דער רעגן שמייסט רעציכעדיק די בלינדע וועגן
און פלאָנטערט, פּלעכט, צעמישט די נאָנטן מיט די ווייטן,
און שיט מיט שאַרפן שרויט אין פיבערדיקע דעכער.

אַ שטורעם אין די בערג און נאַכט איז, שוואַרצע נאַכט איז.
איך ליג אַליין אין שטיבל, גליענדיק־פּאַרטייעט,
און אָנגעשטריינגט ביז פּלאַצן האַרץ און זינען וואַכן,
און בליקן וואַנזיניקע קלעטערן און טאַפּן,
און העפטן זיך מיט שטראָמען בליי און שנירלאַך פייער...

אָ, פיר מיך, פיר מיך, מאַמע, פיר אַרויס דיין קינד פון דאַנען.
פאַרלאָרן כבלאָנקע דאָ אין נעץ פון פּלאָנטער־בערג געפּענטעט.
מיר כאַלעמען זיך יאַמען, שוימענדיקע אָקעאַנען,
מיר כאַלעמען זיך זעגלען, זוניקע, צעשיינטע זעגלען.

כהאָב ליב די ווייט, די קיילעכדיקע ווייט פון האָריזאָנטן.
כהאָב פיל געשפּאַנט אויף פעלדער פלאַכע פון מיין קליינער היימלאַנד,
און פריער נאָך אויף סטעפּעס רוסישע כהאָב פיל געוואָגלט,
און האַרץ מיט ווינטן און מיט גאַנג פאַרשייטן האָט געפּרייט זיך.

כהאָב ליב די גלאַט. זי וויגט מיך איין אויף הענט פון שטילן טרויער,
גלייכט אוים די קנייטשן טאָליק־באַרגיקע פון מיין נעשאָמע;
כהאָב ליב די גלאַטע ווייט. זי פירט דורך וועג פון מיינע טרוימען
צו נייע לענדער מיך, צו טייגעס, פּריירים און מידבאָריעס.

כהאָב פיל געוואָגלט. ביז עס האָט די ליבע ווייט פאַרשלעפּט מיך
אַהער, אין לאַנד אין באַרגיקן, אין שטיינערדיקן, האַרטן.
איצט בלאָנקע איך אין נעץ פון הויכע פּלאָנטער־בערג געפּענטעט
און זינק מיט בלינדן בליק אין האַרץ־טהאָמען, אין נאַכטיש־שוואַרצע.

אַז וואו איך קער זיך, וואו איך ווענד זיך, — ווענט פון בערג אין שווייגן,
אַז וואו איך ווענד זיך, וואו איך קער זיך, — ווענט פון בערג אין שטומקייט.
און הויב איך אויגן צו די בערג אויף, ראַכמים בעט, צעשריי זיך, —
אַן אָפּקלאַנג אַ פאַרשטיינערטער פון טאָלן־בוזעמס קומט נאָר...

און אָט אַזוי האָט זיך מיין לעבן דאָ פאַרדרייט, פאַרפּלאָנטערט,
און אָט אַזוי איך בלאָנקע דאָ מיט בייַנקענדיקע אויגן,
און סצאַפּלט זיך מיין האַרץ — אַ פישאַלע אויף דער יאַבאַשע —
באַטאַג — אין נעץ פון זון, באַנאַכט — אויף ווענטקע פונעם מוילעד...

און יאָרן גייען זיך און כוואַליען זיך, און פליסן, פליסן.
און ווי אויף בוימער הארבסט־גאָלד, שפרייט זיך אויפן קאָפ די עלטער.
און וואָס איך זע און וואָס איך טראַכט, — איז פינסטער שוין, איז פינסטער,
און לעבן מיינס — אַ הויכע באַרג־וואַנט — שטייט פאַר מיר געשפענסטיש.

אָ, פיר מיך, פיר מיך, מאַמע, פיר אַרויס דיין קינד פון דאַנען.
פאַרלאָרן כבלאָנקע דאָ אין נעץ פון פלאָנטער־בערג געפענטעט.
מיר כאַלעמען זיך יאַמען, שוימענדיקע אָקעאַנען,
מיר כאַלעמען זיך זעגלען, זוניקע, צעשיינטע זעגלען.

נאכט האָט זיך צעשאָלט אין זילבערנעם לעוואָנע־האָרן
און אין שטערן־קרוין ארויסגעריטן אויפן מילכוועג...
האָט אַ בלויע ביינקשאַפט זיך צעשפּרייט אויף בערג און טאָלן,
איז אַ בלויע ביינקשאַפט אויפגעגאַן ביז העכסטע שפּיצן.

נעם מיך אויף די אָרעמס דיינע, נאַכט, מיין פרומע מאַלקע,
און פאַרוויג, פאַרוויג מיין בלויע, טרויעריקע ביינקשאַפט.
כקען ניט שלאָפן. ליג איך. קוק אין פענסטערל און טראַכט מיר,
טראַכט... צו וואָס איך וועל דערטראַכטן זיך, איך ווייס אַליין ניט.

כקוק אין פענסטערל און הער זיך צו צו ווייטע קלאַנגען:
סוואַיעט ערגעץ אין די בערג אַ צוג אַ כאָסערדייע.
סהאָט אַ צוג אַזאַ אַוועקגעפירט מיך פון דער מאַמען,
סהאָט אַ צוג אַזאַ פאַריאָגט מיך פון מיין קליינער היימלאַנד.

כקען ניט שלאָפן. סאיז די טיר פון שלאָף פאַר מיר פאַרקלאַפּט היינט.
כקוק אין פענסטערל און מאַך זיך נאַריש: צייל די שטערן...
נעם מיך אויף די אָרעמס דיינע, נאַכט, מיין פרומע מאַלקע,
און פאַרוויג שוין, און פאַרוויג מיין ביינקשאַפט שוין אויף שטענדיק.

בערג מיינע אין קרוינען גילדערנע צעבליטע,
בערג מיינע אין ליכטיקער, צעשטראלטער הויב, —
כהאב אויף אייך געקלעטערט צו די קלאָרע הימלען
און זיך אָנגעזאפּט מיט אויסגעקלאָרטן בלוי.

איז מיין הארץ געוואָרן ליכטיק־פרום און קינדיש,
איז מיין הארץ געוואָרן איידל, ווי א טויב,
און די אויגן מיינע האָבן זיך צעפינקלט —
צוויי צעשטראלטע, פרישע פערלאך מיט טוי.

גרינג געוואָרן איז מיר, גרינג און לויטער, לויטער.
סהאָבן מיינע פליגלען־הענט זיך אָנגעשטאָלט.
איצטער שוועב איך שוין אינגאנצן א צעבלויטער,
ווי א טויב א גילדערנע, אין בלויען טהאָם.

אינדיאַנער זומער

שלייַנגלט זיך אַ שטילער וועג צעווישן וואַלד געדיכטן,
אויבן — קלאָרער הימל, באַ די זייטן — בוימער פרומע;
אויף די בוימער, אויף די צווייגן, אויף די בלעטער גרינע
זיצט דער ברוינער האַרבסט און מאָלט זיין „אינדיאַנער זומער”.

בלעטער שמאָלע פון בעריאָזעס וואַקסן זיך און געלן,
בלעטער שפּיציקע פון דעמבעס גליען, — גאָלע פייער, —
קליאָנען וויקלען זיך אין גאָלד, אין ליכטיקן, צעהעלטן,
סאָסנעס שלאַנקע בראָנזן זיך די קעפּ, די שטאָלץ־פאַרשייטע.

גיכן פאַרבן זיך אין פאַרבן, פּערלען זיך קאָלירן,
קופּערט זיך דאָס קליאָנען־גאָלד און סבלוטיקט בראָנז פון סאָסנעס.
פאַלט אויף בוימער אָוונט־טוי, פאַרבלענדט זיי און פאַרזילבערט,
נעמען שפּיצן ברענען, ווי דער מיירעוו־ראַנד, אין ראָזן.

ראָזער הימל, מיירעוו־בלוט און שוואַרצער קרעפּ פון אָוונט.
נעמען טונקל־גרינע יאָדלעס גרויער ווערן, גרויער.
נידערט אָוונט. שפּינט זיך אוים אין האַרצן ווייסער כאָלעם,
ווערט דער טרויער רויטער און די בייַנקשאַפט — בלויער, בלויער.

שלייַנגלט זיך אַ שטילער וועג צעווישן וואַלד געדיכטן,
אויבן — קלאָרער הימל, באַ די זייטן — בוימער פרומע;
אויף די בוימער, אויף די צווייגן, אויף די בלעטער גרינע
זיצט דער ברוינער האַרבסט און מאָלט זיין „אינדיאַנער זומער”.

האַרבסט האָט מיך פאַרבעטן אויף זיין סודע
דאָרט, אין ברייטן, דאָרט, אין אָפּגעדעקטן פעלד.
עס ליגט דער זומער א געשאָכטענער און אָפּגעשונדן
אין זיין גילדערנע, זיין זומערדיקע פעל.

האַרבסט האָט מיך פאַרבעטן אויף זיין מאָלצייט
דאָרט, אין ראָזער, דאָרט, אין אויסגעגליטער ווייט.
סע הוידען סעדער זיך מיט פייערס זאַפטיקע באַלאָדן
און סגיסט זיך אין די בוימער־בעכער אַלטער, קאַלטער וויין.

האַרבסט האָט מיך פאַרבעטן אויף זיין יאָנטעוו
דאָרט, אויף שטילן, דאָרט, אויף אָפּגעקילטן שליאַך.
עס פירט מיך היינט דער שטילער שליאַך צו רויטע האָריזאָנטן
מיט קליאַנען־פאָנען בלוטיקע באַוואַכט.

האַרבסט האָט מיך פאַרבעטן אויף זיין גסיסע
אין טאָג אַלמעכטיקן, אין יומהאַדין.
ער ליגט שוין אָנגעטאָן א געלער אין בעריאָזעווע טאַכריכים
און סזאָגט מיט אים, מיט ליפּן בלויע, ווידוי הייליקן דער ווינט.

אין האַרבסטיקע, אין לויטערע, פרימאָרגנס
איז גוט צו נעמען אויסגעפּרואווטן שטעקן
און לאָזן זיך אויף אומעטיקן וואָגל
דורך ליכטיקע, דורך שווייגנדיקע וועגן.

אין האַרבסטיקע, אין לויטערע פרימאָרגנס
צעברויזן גראָזן זיך אין ברוינעם אומרו
און ספּערלען זיך די בוימער־קרוינען ראָזע
אין טרערן זילבערנע פון טויען פרומע.

אין האַרבסטיקע, אין לויטערע, פרימאָרגנס
צעשפּילט זיך וועלט אין קריינקלעכע קאָלירן
און אויף די דינע, איידעלע בעריאָזעס
איז אויסגעגאָסן געלער שיין פון פּטירע.

אין האַרבסטיקע, אין לויטערע, פרימאָרגנס
צעקלאָגן זיך אויף פעלדער קאַלטע ווינטן
און פלעכטן אויס פון בלעטער גאָלדיק־קלאָרע
אַ טרויער־קראַנץ דער ערד, דער אָפּגעגרינטער.

אין האַרבסטיקע, אין לויטערע, פרימאָרגנס
איז גוט צו נעמען אויסגעפּרואווטן שטעקן
און לאָזן זיך אויף אומעטיקן וואָגל
באַגלייטן שטיל דעם אָפּגעבליטן לעבן.

אין צייטיקייט פֿון האַרבסט ווערט דורכזיכטיקער, העלער
אויף וועגן אָפֿענע די אָטעמלאָזע שטילקייט.
אין געלע פֿאַרמעטן צעוויקלט ליגן פֿעלדער
און סלייענט זון אין זיי די האַרבסטיקע מעגילע.

אין צייטיקייט פֿון האַרבסט באַדעקן זיך די ביימער
מיט אַש מיט בראָנזענעם פֿון זומער אויסגעברענטן
און סוועבן אויס אין וועלט פֿאַרטרוימטער נעצן טרויער
פֿון שפּינוועבסן די זיידענע, די צאַרטע פֿעדים.

אין צייטיקייט פֿון האַרבסט צעטויען בלויער זיך די ווייטן.
סע שטראַלן טעג זיך אויס אין גילדערנעם, געווירצטן האָניק.
און אין די זילבערנע באַנאַכטן פֿאַלן שטערן רייפֿע,
ווי קאַרשן ווייניקע, פֿון הימלשן צעשוימטן גאָרטן.

דו שרייסט, מיין גרויער דעמב, דו שרייסט, טאָ שריי
און זאָל דער ווינט דיר לייען נייע קרעפטן.
ביזט שיקער, קענטיק, היינט פון הארבן ווייַן,
וואָס הארבסט האָט אָנגעגאָסן אין דיין קערפּער.

דו וויינסט, מיין קלוגער דעמב, דו וויינסט, טאָ וויין,
טאָ טרער מיט קראנקע, אָפּגעגרינטע בלעטער.
מיר וועלן ביידע ווען אין הארבסט פארגיין,
מיר וועלן ביידע... פריער, אָדער שפּעטער.

דו קוקסט אויף זון־פארגאנג, מיין גוטער דעמב,
דו קוקסט מיט גרויל אין אויסגעדארטע צווייגן.
מיר ווילט זיך איצט ניט וויינען דאָ אין פעלד,
מיר ווילט זיך איצט לעם דיר נאָר שווייגן, שווייגן.

דו שטייסט שוין דאָ אזוי פון יאָרן־לאנג
און איך — אַ זינגענדיקער בוים — איך וואנדער.
נאָר, גלויב־זשע מיר, מיין איינציקער פארלאנג
איז — שטענדיק שטיין מיט דיר אין פעלד באנאנד דאָ.

נאָר שטיין אזוי אין היצן און אין קעלט
און ציילן, ציילן זיי, די יאָרן, אין די טויזנטער;
אין פרילינג שטענדיק זיך צעבליען און צעברויזן זיך,
און אין די ראָזע הארבסט־פארנאכטן זען
די זון־פארגאנגען בלוטיקע און גרויזאמע.

כהאָב ליב די לינדע אווגוסט־אינדערפריען,
ווען הימל שפּרייט גלעזענער זיין קילן בלוי,
ווען זון אין מיזראך בלייכער שוין צעבליט זיך
און ברוינע בוימער הילן זיך אין מאַנטלען טוי.

כהאָב ליב די לינדע אווגוסט־אינדערפריען,
ווען לופט אין פעדים זילבערנע איז דורכגעוועבט,
ווען צו די ווייטן בושלען מידע פליען
און הענער־קריי די הויכן הייזעריקער זעגט.

כהאָב ליב די לינדע־אווגוסט־אינדערפריען,
ווען פויגל־שפּיל אין וועלדער ציטעריקער קלינגט,
ווען פרומע טייכן אומעטיקער פליסן
און סליכעדיק אויף גראָזן הוידעט זיך דער ווינט.

כהאָב ליב די לינדע אווגוסט־אינדערפריען.
אַ זאַטע שטילקייט איז אויף פעלדער אויסגעשפּרייט.
די שווערע זאַנגען צו דער ערד שוין קניען
און טוליען זיך אין שטומען, גילדערנעם געוויין.

כהאָב ליב די לינדע אווגוסט־אינדערפריען.
אַ יאַדלע שטייט שוין אָנגעקליידט אין פולן הארבסט...
בעריאָזעס ליכטיקע אין וואַקס זיך שמירן
און שיטן ערשטע בלעטער אויפן פייכטן שליאַך.

כהאָב ליב די לינדע אווגוסט־אינדערפריען.
אַ, הארץ מיין הארץ, סאיז איצט דיין אויסדערוויילטסטע צייט.
אַליץ העלער, העלער אויגן זיך צעגליען
און ציען צו דער ראָזער, אומבאַקאַנטער וויים.

דער האַרבסט, דער שניטער מיטן שאַרפן, שטראַלנדיקן סערפּ,
צעקלונגען האָט זיך גאָלדיק איבער בערג און טאָלן,
און סנאָפּעס ליכטיקע אויף טויאיק־פּייכטער ערד צעשטעלט,
און פייערן צעצונדן אין די ראָזע גראָזן.

דער האַרבסט, דער מערדער מיט דער ברוינער, זשאַווערדיקער האַק,
א נעם־געטאָן האָט זיך צו געלע, קראַנקע בוימער;
געפאַלן זיינען, אָפּגעגרינטע, טויטע, בלאַט נאָך בלאַט,
צעשאָטן זיך אין ווינטישן, אין קאַלטן שוידער.

דער האַרבסט, דער קוילער מיטן בלאַנקן כאַלעף, מיטן שפּיז,
אַרויס איז אָפן היינט אויף שליאַכן צו דער שכיטע;
א גאַנצן טאָג געשאָכטן און געבראַקט; איצט איז ער מיד
און סרינט פון זיינע הענט דאָס רויטע בלוט פון שקיע...

פלייץ מיט בלעטער־כוואַליעס, געלער האַרבסט,
און אין רויטן טרויער־יאַם דערטרינק מיך!
אַלט בין איך, צעבראָכן, אַלט און קראַנק,
ווי דער קראַנקער ווינט, וואָס קען ניט פליען.

שלעפּן זיך די אָנגעבלייטע פּיס,
שלעפּן זיך אַרום אויף וועגן טריבע
און אַ קראַנקע, טרויעריקע ליד
פיבערט רויט אויף אָפּגעבליטע ליפּן.

טריב און שטיל. עס קילט אין מיר דאָס בלוט,
ווי דאָס בלוט אין וועלקנדיקע ביימער.
רו, געגאַרטע, אויסגעבייגקטע רו,
קומסט נאָך אַלץ צו מיר צוגיין אין טרוים נאָר!

גרוי דער טאָג איז, וואַלקנדיק און מיד,
און אַ רעגן טריפט, אַ דריבנער רעגן.
שלעפּן זיך די אָנגעבלייטע פּיס,
שלעפּן זיך אַרום אויף וויסטע וועגן.

ערגעץ אויף אַ קאַלטן שטומען שטיין,
אינעם שאָטן פון אַ גרויער יאָדלע,
וועט מיין גרויער טאָג פאַרגיין אַליין
און פאַרוועבן זיך אין שוואַרצן אָוונט.

יאָדלע, יאָדלע, טרויעריקע יאָדלע,
שטייסט אין פעלד א טרויעריק פארטראכטע
און מיט שווערן שווייגן אָנגעלאָדן,
יאָדלע מיינע קליינע אין פארנאכט דאָ.

טרויערסט, טרויערסט, קליינע מיינע יאָדלע.
טרויעריק מע דארף ניט זיין, מע דארף ניט.
טרויערן מע דארף ניט, יאָדלע, זאָג איך
און אליין איך, טיפעש, טרויער דאווקע.

טאָג א גאנצן זויגט ער מיך, דער טרויער,
ווי א פיאווקע זויגט ער מיך, דער בייזער,
איז אליין מיר שווער מיט אים צו הויזן,
בעסער שוין צו טרויערן אינצווייען.

טוליע מיך און גלעט מיך, יאָדלע גרויע,
שטעך מיט דיינע דינע, גרינע נאָדלען,
כהאָב דיך ליב און זים איז מיר דיין טרויער,
און ווי צאַרט דיין נאָמען איז מיר, יאָדלע.

דיין פארטראכטקייט שאָטנט אויף מיין פּאָנים,
אין די אויגן מיינע גרויט דיין שווייגן,
און מיין גוף אין דיר איז גראטן, יאָדלע,
און די הענט מיינע, ווי דיינע צווייגן.

יאָדלע, יאָדלע, טוליע מיך און גלעט מיך,
יאָדלע, יאָדלע, בלייבן דאָ שוין וויל איך,
בלייבן דאָ מיט דיר אין פעלד אויף שטענדיק,
מיט דיין גרויער, טרויעריקער גרינקייט.

זאָלן ערגעץ שטעט און לענדער רוישן,
זאָלן ערגעץ פיבערן די ווייטן, —
בלייבן דאָ שוין וועל איך, יאָדלע גרויע,
שטייען דאָ מיט דיר אין פעלד און שווייגן.

שטיין אַזוי און הויערן באַנאַנד דאָ,
שטענדיק גרינען, זומערן, מיין יאָדלע,
ניט פאַרנאַרן וועט דער רייכער האַרבסט אונז
און ניט אונטערקויפן מיט זיין גאָלד וועט.

און אין שניי, אין פראָסט, אין קאַלטע ווינטן,
אין דער ווייסער זויבערקייט פון ווינטער,
וועט דיין גרויע, טרויעריקע גרינקייט
מיר דערמאָנען אָן מיין ווייטן פרילינג.

יאָדלע, יאָדלע, טוליע מיך און גלעט מיך,
יאָדלע, יאָדלע, זיי שוין דו מיין פרילינג,
כוועל מיט דיר שוין טיילן דאָ מיין לעבן,
ווי אַן איינן ווייב וועל איך דיך ליבן.

כוועל מיט דיר שוין, יאָדלע מיינע קליינע,
יאָרן מיינע גרויע דאָ דערגרינען,
לעבן, לעבן־וועלן מיר אינאיינעם,
שטאַרבן, אָבער, שטאַרבן וויל איך פריער.

איבערלעבן זאָלסטו מיך, מיין יאָדלע,
און אָנשטאָט די נויטיקע מאַצייווע,
שטייען דאָ אין פעלד אין שטילן זאָלסטו —
אָפּהיטן מיין אומעטיקן קייווער.

אנטלאָפן פון שטאָט און פון מענטשן
צו וואַלדישער, איינזאַמער שטילקייט.
איך ליג דאָ פאַרלאָזן, פאַרגעסן
אין טויטן, אין הילצערנעם שטיבל.

פאַרוואָלקנט און טונקל דער טאָג איז.
פון פרי — נאָר עס דעמערט און דעמערט.
אין פענסטער עס וויינט אַ בעריאָזע
מיט געלע, מיט האַרבסטיקע טרערן.

איך ליג דאָ אין שטיבל אין אַלטן
און לייען דעם בלאָנדן יעסענין.
אין מויאַך, אין קראַנקן, געדאַנקען,
ווי בלעטער ווי האַרבסטיקע, ברענען.

איך טראַכט אַלץ פון נאַכט און פון ראָבן
און זע זיך אין קייווער אין קאַלטן.
עס קריכן, ווי שפּינען, די שאָען
און שפּינען דעם אָונט דעם שוואַרצן.

מיט שאָטנס ווערט פול שוין דאָס שטיבל
און אָוונט בליט אויף אין די שויבן.
פון פינסטערן ווינקל מיר ווינקען
יעסענינס פאַרלאָשענע אויגן.

א טריבער טאָג, א דריבנער רעגנדל, אַ ווינט א קראַנקער,
א גרויער וועג, פון ביידע זייטן — אַלטער יאָדלע וואַלד.
איך גיי דאָ אום פון פרי באַגלייט פון האַרבסטיקע געדאַנקען,
איך פיר דאָ אום אַן אָפּגעבליטן לעבן, אַלט און קראַנק.

איך גיי דאָ אום אַליין, אַליין, אין איינזאַמקייט פאַרגעסן
און בלעטער היינט אָפּסניי צוריק די יאָרן בלאַט נאָך בלאַט...
און האַרץ א כעשבן מאָנט, עס מאָנט א שטרייִנגן דינוועכעשבן.
פון וואָס א כעשבן? עפּשער נאָר פון לידער מיינע, האַרץ?

פון לידער מיינע, אויסגעזונגענע אין נעכט פון וואַנדער,
ווען גאָט אַליין באַרירט האָט ליפּן מיינע מיט זיין האַנט.
געזונגען האָב איך פיל פון רו און פון פרייד, פון גליק און יוגנט,
נאָר מערער נאָך — פון נאָוועַנאַד, פון אומעט און פון האַרבסט.

פאַרגאַנגען אַלץ. אין ביינקשאַפט נאָגנדער איז אַלץ פאַרגאַנגען,
און אַט איז ער צו מיר געקומען שוין, דער קאַלטער האַרבסט.
איך גיי דאָ אום פון פרי באַגלייט פון האַרבסטיקע געדאַנקען,
איך פיר דאָ אום אַן אָפּגעבליטן לעבן, אַלט און קראַנק.

ווי אַ שטיין אין אויסגעווייקטן פעלד פון אַסיען,
ווי אַ שטומער שטיין, פאַרלאָזן און אַליין,
ליגט מיין מידער גוף מיט שווערקייט אָנגעלאָדן,
ליגט אין גרויער וועלט מיין האַרבסטיקער געביין.

כוואַנדער נאָך, איך שפּאַן נאָך אום אין זון, אין רעגן,
הוידע, ווי אַ שלאַנקע סאָסנע, זיך אין ווינט, —
ווייסט שוין זיינען, אָבער, ווייסט שוין — אַלע וועגן
און מיט שפּינוועבס־פעדים זילבערנע פאַרשפּינט.

כקלעטער אויף די הויכע בערג, אויף שפּיצן קאַלטע,
זוויג זיך איין מיט בליק אין נעפּלדיקער ווייט:
סליגט די ערד באַהויקערט שוין מיט גרייזער אַלטקייט
און די בלינדע ווייט פאַריגלט איז און שווייגט.

לאַנג איז ניט צו וואַרטן שוין, מיין ערד, איך ווייס עס,
איבערבעטן וועלן מיר זיך, גוטע ערד,
סגייט אַרום אויף דיר אַ קראַנקער מענטש, אַ גויסעס,
טראָגט אַ קאָפּ אויף אַקסלען, ווי אַ שטיין שוין שווער.

ווי אַ שטיין אין אויסגעווייקטן פעלד פון אַסיען,
ווי אַ שטומער שטיין, פאַרלאָזן און אַליין,
ליגן וועט מיין קאָפּ אין שוים בא דיר פאַרלאָשן,
ליגן וועט מיין גוף אין שטילקייט אויסגעשפּרייט.

ניין, איך קען ניט, כקען שוין ניט אנטלויפן,
כקען מער ניט אנטלויפן פון מיין אומגליק!
אין די בלעטער בלוטנדיקע, רויטע,
שפּילט דער ווינט דאָס בייזע ליד פון אומקום.

שוואַרצע כמאַרע אויף מיין בלינדן פענסטער,
ועסט שוין מער ניט, וועסט שוין ניט פאַרשווינדן.
איין־אליין א קאַלטן צווישן ווענט דאָ
וועט מען מיך אין גרויען פרי געפינען.

קאָפּ מיין קאָפּ, געננג אויף קראַנקע אקסלען
הוידען זיך א שיקערער פון ווייטאָס,
כוועל דיך אָן א שטומען שטיין צעקנאַקן, —
שטומען זאָלסטו, שטומען שוין אויף אייביק!

טאַטע, נעם מיך צו, איך קען שוין מער ניט,
כקען מער פון מיין אומגליק ניט אנטלויפן.
אַלץ צעשווימט ווי רויך: די ערד, די שטערן, —
כשטיי באַם גרוב מיט גרוילנדיקע אויגן.

שוואַרצע כמאַרעס־שיפן שווימען היינט אין יאַם פון עטער,
סזיינגען שטאָלצע ריזן־בערג היינט שטורעמדיק פאַרכמאַרעט,
ווילדע ווינטן פליקן פון די בוימער זשמעניעס בלעטער,
אין דעם רויטן בלעטער־יאַם איך שווים — אַ שיף אַ שוואַרצע.

האַרבסט מיין האַרבסט, וואָס האָסטו זיך אַזוי צעברויזט, צעשטורעמט
און דו ברענסט און שטראָמסט, און קענסט זיך היינט אַליין ניט צוימען.
ווילדע ווינטן קלינגען היינט אין כאָר דאָס ליד פון אומקום,
בלעטער־כוואַליעס בלוטיק־רויטע בושעווען און שוימען.

האַרץ מיין האַרץ, וואָס האָסטו זיך אַזוי צעקלאָגט, צעשריען
און דו רודערסט אַזוי שיקער, און דו וויגסט זיך האַסטיק.
כבין דאָך שוין געוואוינט אויף יאַמען מעכטיקע צו שווימען, —
זאָג: פאַרוואָס־זשע שרעקסט מיך היינט אַזוי דער בייזער וואַסער?

אונטערגיין, כוועל אונטערגיין אינאיינעם מיטן האַרבסט היינט.
כשטיי שוין ביזן האַלז אין רויטן בלעטער־יאַם וואָס קאָכט דאָ...
ספלאַצן קעסלען... סשטעלט זיך אָפּ דער רודער... באַלד שוין, באַלד שוין, —
כוועל אַראָפּזינקען אין שוואַרצן רעמער־לאַנד פון אָוונט.

איז עס טאַקע שוין די שאָ די לעצטע,
איז עס טאַקע שוין דער ווייסטער סאָף?
מיט די אָפּגעגרינטע, טויטע בלעטער
פֿאַלט צו ערד מיין אָפּגעבליטער קאָפּ.

מאַמע, מאַמע, כשטרעק צו דיר די הענט אויס:
וואו ביזטו אין כוישעכדיקער נאַכט?
שוואַרצע כמאַרע אויף מיין בלינדן פֿענסטער,
אין מיין בליק, מיין קראַנקן, — געלער האַרבסט.

כוועל אַ קרוק פֿאַרשרויפֿן אין דער סטעליע
און פֿאַרציען באַלד אויף דעם אַ שטריק.
דאָס וועט זיין מיין לעצטע בלויע טפּילע,
דאָס וועט זיין מיין לעצטע רויטע ליד.

רואיק, האַרץ מיינס, רואיק זײַ היינט, ווי דער קלאָרער האַרבסט־טאָג,
ווי די העלע בוימער אינעם זילבערדיקן טוי!
שטאַרבן? וואָס איז שטאַרבן? סאיז ניט, האַרץ מיינס, שווער צו שטאַרבן,
טויט איז גאָר אַזוי ניט שרעקלאַך, גלויב מיר, וואָס איז טויט?

זע די בוימער ווי זיי וויקלען זיך אין פרייד פון שווייגן,
זע די גראָזן ווי זיי טוליען זיך צו פרומער ערד,
זע די פעלזן ווי זיי הויערן אין שטילע ווייטן,
זע דאָס גאָלד דאָס אויסגעלייטערטע אויף קעפּ פון בערג.

אָנגעטאָן האָט זיך די פרומע ערד אין קלאָרער בעטצייג,
אויסגעגאָסן איז אויף גאָרער וועלט אַ הייליק ליכט.
טויט, מיין אומרו־האַרץ, איז גאָר ניט שרעקלאַך, גאָר ניט שרעקלאַך, —
סאיז דער בלויער וועג צו גאָט און סאיז דער וועג צו זיך.

טויט, מיין אומרו־האַרץ, איז גאָר ניט שרעקלאַך, גאָר ניט שרעקלאַך, —
סאיז באַהעפטונג מיטן ווייטן, ליכטיקן אַמאָל.
סוועט די זון אויף אירע פליגלען דיך אַ קלאָרן ברענגען
און פאַרוויגן שטיל אין גילדערנעם, צעשיינטן טאָל.

און ווידער איך בין דאָ אַליין
אין שטילער, אין וואַלדישער רו.
דער הימל — מיט וואָלקנס פאַרזייט
און קיל איז, און האַרבסטיק — די לופט.

בעריאָזעס — אין געלן געקליידט
און קליאָנען — אין לויטערן גאָלד.
אַ קלאָרע, אַ ליכטיקע פרייד
אין לעצטער, אין ראָזעווער שאָ.

אַ שטיבל, אַ טישל, אַ בעט,
אַ פענסטער, פאַרהאַנגען מיט נאַכט.
כוועל ליגן אין שטילקייט פאַרוועבט
מיט וואָלקנס, מיט ביימער, מיט האַרבסט.

װיג מיך איין מיט האַנט מיט גרינגער
און מיט רו מיין האַרץ באַשװער.
סנױגט מיין קאָפּ זיך הײנט אַ מידער
צו דער אָפּגעגרינטער ערד.

װינטן הױדען זיך אױף בױמער,
װאָלקנס שװעבן אינדערהױך.
סאיז די לופט, די טונקל־גרױע,
מיטן שױם פון האַרבסט באַהױכט.

פײכטער זשאַװער אױף די פעלדער,
בלעטער קראַנקע אױפן שליאַך.
טריב און קאַלט דער טאָג פאַרװעבט זיך
אינעם שלײער פון דער נאַכט.

רעמער־שײן. אין בלאַסן מײרעװ
שימערט אױף אַ זונען־פונק.
אין די אָרעמס װיקל אײן מיך
און דערװאַרעם מיט דײן גוף.

װיג מיך איין מיט האַנט מיט גרינגער
און מיט רו מיין האַרץ באַשװער.
סנױגט מיין קאָפּ זיך הײנט אַ מידער
צו דער אָפּגעגרינטער ערד.

הויך — אין זייד אין בלויען,
ערד — אין העלן גאָלד,
בלאַנקער רעגנבויגן —
איבער באַרג און טאָל.

בוימער — קלאָרע דיכטונג,
יעדעס בלאַט — אַ ליד.
זון אויף ראָזע שפּיצן —
מיירעוודיק צעגלים.

טוי און פּערלמוטער,
וויי‌ניקער פאַרנאַכט,
טרויער אויסגעקושטער,
בענטשנדיקער האַרבסט.

אין קווייטן גילדערנע האָט אויסגעשטרייפט פאַרנאַכט
דעם לייוונט האַרבסטיקן פון הימל.
עס ליגט דער אַלטער, אומעטיק־פאַדקלערטער, שליאַך
אין שטילקייט טונקעלער צעוויקלט.

פון אָפּגעקילטע הויכן פאַלט אַ ראָזער טוי
אויף גרויע, שווייגנדיקע פעלדער.
מיט בלויען בייטש דער ווינט — דער פאַסטוך — טרייבט צונויף
אַ סטאַדע בלאָנקנדיקע בלעטער.

סע שטייט אין קרוינען קופּערנע צעשטראַלט אַ וואַלד
און קוקט מיט אָנגעשפּיצטע בליקן
אויף טאָג, וואָס קניט מיט אויסגעשטרעקטן, ברוינעם האַלז
צום שלייף צום פורפורנעם פון שקיע.

נאָך אַ טאָג — אַ ליכטיקע מאַטאָנע,
נאָך אַ טאָג — אַ שמייכלענדיקע גאָב.
פּראָל דיין אויג אויף פאַר דער וועלט דער קלאָרער,
צו דער ערד געבענטשטער נייג דיין קאָפּ.

זון אַזויפיל אויף צעגליטע בוימער,
בלוי אַזויפיל אויפן ראָזן גראָז.
פון די העלע, האָניקדיקע הויכן
טריפן טראָפּנס בלאַנקעדיקן גאָלד.

אויפן פעלד, דעם אָפּגעדעקטן, ברייטן,
שפּאַנט אַרום דער רופּטנדיקער האַרבסט
מיט אַ בינטל בלוטנדיקע קווייטן
אין דער ברוינער, אויסגעשלאַנקטער האַנט.

העפטן היינט אפסניי דעם בליק צו אויסגעבלויטע הימלען —
לויטער ווערן זאָל און זויבער־ליכטיק מיין נעשאָמע.
כהאָב נאָך לידער, כהאָב נאָך פולע, פולע אויצרעס לידער,
ווערטער צאַרטע, ווערטער פרישע קלינגען שוין און שטראָמען.

שטראָמען, שטראָמען, שטראָמען ליכט פון אַלע זייטן פליסן.
קלאָר איז היינט דער טאָג און גאָלדיק שוויגן היינט די בוימער.
אָטעם, האַרבסט, אַריין אין מיר דיין האָניקדיקע זיסקייט,
גים זיך אין די אויגן מיינע, עלולדיקער טרויער.

עלול, עלול, שעפעדיקער, דורכגעווירצטער עלול,
ספלייצט דיין וויין דיין שאַרפער איבער שמעקעדיקע פליינען.
סליגן ערדן שטיל־פּאַרטייעט אונטער קלאַנג פון סערפּן
און עס קושט און צערטלט זיי די קלאָרע זון און הייליקט.

הייליק, הייליק, הייליק, — זינגען אַלע מיינע גלידער.
כטרעט אויף אייך, געבענטשטע, שווייגנדיק־צעשפּרייטע ערדן, —
לויטער ווערן מיינע בליקן, שטראַלנדיק און ליכטיק,
און עס איז שוין פול מיין האַרץ מיט פריידיקע געבעטן.

בוועל זיך איינוויקלען אין ווינטישן צעהעלטן טאַלעס,
אָנטאַן אויפן קאָפּ די בלויע הימלשע אַטאָרע
און זיך שטעלן מינכע דאַווענען דאָ, אין פעלד, אין זאַטן,
ווי מיין אוראַלטער, מיין פּאָרכטיק־פרומער פּאָטער ייצכאָק...

באנאכט האָט זיך דער הימל אויסגעצירט אין דראבנע גרינע שטערן...
איז שווער געוואָרן מיר, איז הארט געוואָרן — מיין געלעגער.
איך האָב זיך אָנגעטאָן, ארויס אין דרויסן און דערזען זיך
אין שאָ אין שפעטער אונטער שטערנשן צעשטראַלטן רעגן.

סאיז נאכט געווען, א נאכט א שטומע איבער הוילע פעלדער.
געלעגן איז די ערד צעשפרייט אין גסיסע־פיין אין טיפן.
סהאָט אָן א שטים געוויינט דער ווינט אין אויסגעדארטע ווערבעס
און א פארגליווערטע לעוואָנע קאלטן בלוט געטריפט האָט.

סאיז קיל געווען. איך האָב געשפאנט. געבלייכט זיך האָבן שטרעקעס.
סהאָט ערגעץ־וואו א סאָווע זיך באקלאָגט אויף בלינדן מאזל.
איך האָב זיך אָפּגעשטעלט, די בליקן — צוגעהעפט צו ווייטסטע שטערן.
סאיז נאכט געווען, אן אלטע נאכט, א פרומע, פון הושענא־רבה...

ס׳איז שוין שפּעטער האַרבסט און קיל איז היינט דער קלאָרער טאָג,
קיל און לופטיק איז דער וועג צעווישן וועלקנדיקע בוימער,
מיד און בלייך דער פאַרמעטענער הימל קוקט אַראָפּ
אויף דער שטילער ערד, דער אָנגעטאָנענער אין רויטן טרויער.

ערד מיין ליכטיקע, מיין איינציקע, מיין גוטע ערד,
צערטלסט זיך אפסניי פאַר מיר היינט מיט דיין שטראַלנדיקער צירונג,
גאָלד און פּערל אָנגעשאָטן האָסט אין הויכע בערג
און דו פירסט מיך, און דו ווייזט מיר דיין צעזוניקטע אשירעם.

פיר מיך, פיר מיך, איך וועל קלעטערן אויף העכסטער הויך
און באַוואונדערן אין לידער צאַרטע דיין צעבליטע שיינקייט.
שיין ביסטו, מיין ערד, אין האַרבסטיקער, אין רויטער קרוין,
טיפער, טיפער קוועלט אַצינד צו דיר מיין נאָגנדיקע ביינקשאַפט.

פיר מיך, פיר מיך, פיר אַרויף מיך אויפן העכסטען שפּיץ
און אַנטפּלעק זיך מיר אין נאַקעטקייט אין הייליקער פון אויסגיין.
איך וועל פאַלן אַ צעלויכטענער אויף פרומע קני,
אויסקושן דיין יעדן גליד און צושליסן די קלאָרע אויגן.

בלעטער פאַלן, בלעטער פאַלן, ספּאַלן בלעטער,
ספּאַלן בלעטער פון מיין אָפּגעבליטן קאָפּ.
סהאָבן בלעטער אַ געלעגער אויסגעבעט שוין,
אַ געלעגער פאַר מיין ווינטערדיקן שלאָף.

ספּאַלן בלעטער, ספּאַלן בלעטער, בלעטער פאַלן,
בלעטער פאַלן צו דער אָפּגעבליטער ערד.
ערד, מיין טרייע, ערד, מיין אָפּגעבליטע קאַלע,
אויף דער עלטער זיין פאַרקנאַסט איז אונז באַשערט.

אויף דער עלטער ווערט שוין קילער, ווערט שוין קעלטער.
אויף דער קאַלטער עלטער קומט דער רייפער הארבסט.
בלעטער פאַלן, בלעטער פאַלן, ספּאַלן בלעטער
און צעלייגן, ווי הארוגים, זיך אין שלאַכט.

באַלד שוין, באַלד שוין וועלן ווינטן זיך צעפּעכטן
און צעטאַנצן וועט זיך ווינטערדיקער בער.
לייב צו לייב מיר וועלן זיך אויף אייביק שוין באַהעפטן,
איך און דו, מיין וייב, מיין ליכטיקע, מיין פרומע ערד.

דערנער אין שניי

קיינער דאַרף ניט מיינע לידער,
איך נאָר איינער דאַרף זיי יע,
פאַר איך, פאַר איך מיר, דעריבער,
אַלע ווײַלע אין די בערג.

שטום די צייט איז, שטום און טויב איז
אויפן האַרצן און געהער,
איז ניטאָ אין וואָס צו גלויבן,
גלויב איך מיר אין שטומע בערג.

שטומע, אויסגעשלאַנקטע בערג
נעמען אויף מיך ווי אַ ברודער.
סאיז אַ שניי־טאָג, ווײַס — די ערד,
ווײַס — די וועגן, די באַרוטע.

ווײַס — אויף נאַנט און ווײַס — אויף ווײַט איז,
ווײַס — אין נידער און אין הויך,
און פון אַלע קלאָרע זײַטן
שפּריצט אַ זילבערדיקער טוי.

און פון אַלע קלאָרע זײַטן
שטראַלט אַ לויטערער דער טאָג.
רו און קלאָרקייט, רו און ווײַסקייט.
און קיין נעפּעש איז ניטאָ.

און אַ שטילקייט איז אַזאַ דאָ,
און אַ לויטערקייט אַזאַ
פון דעם דיל, דעם שנייאיק־גלאַטן,
ביז דעם הויכן הימל־דאַך.

פון דעם דיל, דעם שנייאיק־גלאטן,
ביזן הימלשן איינסאָף —
ניט קיין ריר און ניט קיין פלאטער,
ניט קיין פּיפּס און ניט קיין שאָרך.

שפּאַן איך אום דאָ א צעבליטער,
אויגן — ליכטיקער צעהעלט,
בערג — אין רינגל, איך — אינמיטן
און איך קוק אזוי און קוועל.

סלויכטן שטיבאלאך אין שטילקייט,
פענסטער פינקלען קעגן זון
און צוקאָפּנס פון די שטיבלאך
ברענען אייז־ליכט, פאַרכטיק־פרום.

קויהאָנים בא דער אוואוידע —
שטייען בוימער, ווייס־געקליידט;
שאבעס, יאָנטעוו, צי רווישכוידעש, —
וואָס זאָל עס היינט זיין בא זיי?

אַנגעטאָן אין ווייסע קרוינען,
זיצן שטיינער אין א קרייז;
שטיינער שווייגן פון געוואוינהייט,
זיצט מען טאָקע און מע שווייגט...

לעבן זיי — אַן אַלטער דאָרן
אין א שנייאיקן שעלראש...
שטייט, די צווייגן־הענט פאַרבראכן,
דאוונט שווייגנדיק אין פראָסט.

שפּאַן איך אום דאָ אַ צעבליטער,
אויגן — ליכטיקער צעהעלט,
בערג — אין רינגל, איך אינמיטן
און איך קוק אַזוי און קוועל.

קוועלט אין האַרצן אָן אַ פרומקייט,
ווערט מיר גרינג אַזוי און וואויל.
טאַטע זיסער, פאָטער גוטער,
דיר — מיין טפילע, דיר — מיין לויב!

פאַר דיין זון און פאַר דיין ווייסקייט,
פאַר דיין גאָלד און פאַר דיין ליכט,
בענטש מיט כעסעד מיך אויף ווייטער,
קער ניט אָפּ דיין קלאָר געזיכט.

בענטש מיט רו מיך, בענטש מיט פרידן,
ריר מיין מויל אָן מיט דיין האַנט,
אַז איך זאָל אין קלאָרע לידער
קענען דינען דיר נאָך לאַנג!

אין דער הרובע ברענט אַ גרינער פייער
און אין דרויסן בראַט אַ גרויער פראָסט.
טרויער מיינער, פינסטערער, געטרייער,
אין דער נאַכטישער, דער שפּעטער שאָ.

בליג דאָ אויפן סקריפּעדיקן בעטל,
בליג דאָ אַ פאַרגעסענער אַליין.
הינטער פענסטער הויערן און דרעמלען
בוימער נאַקעטע אין בלויען שניי.

הינטער פענסטער שווייגט דער וואַלד דער אַלטער,
יאָדלעס טוליען זיך אין בלינדער שרעק.
טרויער מיינער, שנייאיקער און קאַלטער,
אין די אייזיק־גליווערדיקע בערג.

אין דער הרובע קנאַקן האַרטע שייטלאַך,
שייטלאַך דעמבענע פון טויטן וואַלד.
נאַכט אַ גאַנצע ברענען וועט דער פייער
און מיין שאָטן — טאַנצן אויפן וואַנט.

בליג דאָ אַ פאַרשפּונענער אין באַלעם
פון אַ וועלט, וואָס האַלט שוין באַם פאַרגיין.
הינטער פענסטער סקריפּעט די לעוואָנע,
הינטער פענסטער וואָיען וועלף אין שניי.

אָוונט, בלויער אָוונט אויף די דעכער.
אָוונט, בלויער אָוונט אויפן שויב.
הימלען שפּרייטן זיך אַלץ העכער, העכער,
הימלען בליען אויף מיט שטערן־שטויב.

פון דעם האָפן־האָריזאָנט דעם קלאָרן
שווימט אַרויס דער מוילעד, גאָלדיק־דין.
אויפן האַרצן פון אַ שאַרפן דאָרן
דרימלט איין אַ ווייַנענדיקער ווינט.

פּאָרכטיק־שווייַגנדיק און שנייַאיק־ליכטיק
שייַנען אויף די שפּיצן פון די בערג.
שטיל אויף לאַפּעס זילבערנע צום מילכוועגי
גאַנוועט זיך אויף פאַנג „דער גרויסער בער".

בייבי, הונט מיינער געטרייער,
מיט די מאַנדלדיקע אויגן,
ווי אַ גרויסער בער אַ ווייסער,
גייסט מיר נאָך אין אָוונט בלויען.

ווי אַ ווייסער בער אַ ביטרער,
קריכסט אויף מיר מיט דיינע לאַפּעס
אין דעם פרעסטלדיקן ציטער,
אין דעם אַלטן, קאַלטן וואַלד דאָ.

סאיז דיר אומעטיק, מיין קעלעוו,
בילסטו גלאַט אַזוי אין וועלט דאָ,
שלינגסט דעם שניי און דו באַלעקסט זיך
מיט דיין דינעם צינגל־לעקער.

סאיז דיר אומעטיק, מיין קעלעוו,
מיר איז אויך ניט פריילאַך, גלויב מיר,
ווען איך וואָלט זיך נאָר ניט שעמען,
וויינען כוואָלט אין אָוונט בלויען.

נאָר איך שעם זיך דאָ, מיין בייבי,
כשעם זיך דאָ פאַר דער לעוואָנע.
איר איז אויכעט היבש ניט פריילאַך,
נאָר זי שמייכלט — אַ כאַכאַמע...

נאָר זי שמייכלט, קוקט אַראָפּעט
מיט אַ מילדקייט אויף אונז ביידן,
קושט די אויגן, גלעט די קעפּ אונז,
וויל זיך גאָר מיט אונז ניט שיידן.

ס'איז אונז אומעטיק, מיין בייבי,
מיר און דיר, און דער לעוואָנע.
אַלע דריי פאַרלאָזט, פאַראייַנזאַמט
אין דעם קאַלטן וואַלד מיר בלאָנדזשען.

לאָמיר פריילעך זיין, מיין בייבי,
אין דעם אָוונט. אין דעם בלויען.
ס'לויכט אַזוי דער צאַרטער שניי דאָ
און ער שפּריצט מיט גרינע טויען.

לאָמיר לוסטיק זיין, פאַרשייטער,
אין דעם אָוונט, אין דעם קלאָרן
און אין בלויען שניי זיך קייקלען
איך און דו, און די לעוואָנע.

אַ נאַכט אַ ווייסע בליקט אַריין צו מיר אין פענסטער,
אַ ווייסע נאַכט, אַ נאַקעטע,די שאַנדע ניט פאַרדעקט.
זי ווינקט צו מיר מיט אייזיק־קאַלטע אויגן־לעכער
און רופט מיך, רופט מיט אויסגענאַגטע, דאַרנדיקע הענט.

איך קוק, איך קוק. אַ שווידער צוקט אַדורכן קערפּער.
איך טאַפּ די האָר אויף קאָפּ — צעשטעך די האַנט אָן נאָדלען־שאַרף.
כאַנטלויף פון פענסטער, האַק די טיר צו פעסטער, פעסטער
און וואַרף זיך אויף דער סקריפּעדיקער בעט און וואַרט, און וואַרט.

דער שטערן — בראַנד, אין שלייפן עקבערט ווער און בויערט:
— פאַרצי, פאַרצי שוין וועו פון שלאָף פון שנייאיקן די שטריק!
סע שעפּטשעט ווער די ווערטער גיפטיק מיר אין אויער;
כהויב אויף דעם קאָפּ: סאיז קיינער דאָך ניטאָ, עס איז דאָך שטיל.

נאָר סציט מיך ווידער שוין צום פענסטער, סציט מיך, סציט מיך.
די ווייסע נאַכט, זי שטייט נאָך אַלץ און ווינקט צו מיר, און רופט.
וואָס איז די שערק? איך בין דאָך, דאכט, בא זיך אין צימער?
אוועק, מעשוגענע, וואָס ווילסטו פון מיין קראַנקן גוף?

אַ נאַכט אַ ווייסע קוקט אַריין צו מיר אין פענסטער.
לעוואָנע אין אַ ראָד פון פייער שמייכלט בלינד אַראָפּ.
אַ ווייסע נאַכט... זי שטרעקט צו מיר די דאַרע הענט אויס
און טוליעט זיך מיט קאַלטע בריסט צום פלאַצנדיקן גלאָז...

און אַז עס וויינט אַ האַרץ און קלאָגט זיך ערגעץ אין אַן איינזאַם שטיבל,
אין נעץ פון גליווערדיקע בערג, אין טויטער, ווינטערדיקער נאַכט־טיף, —
איז וועמעס דייגע? סוועט דען קומען ווער פאַרוויגן עס, פאַרשטילן?
זאָל עס וויינען, קלאָגן אַזוי לאַנג, ביז עס וועט אויפהערן און — פאַרטיק!

און אַז עס זינגט אַ האַרץ און בעט זיך צווישן אייז און שטומע שנייען,
באַם גען שיין פון דער לעוואָנע, אונטער נאָדלדיקע שטערן, —
איז וועמעס אייסעק? זאָל עס זינגען, ביז עס וועט פאַרגיין פון ווייטאָק,
ביז עס וועט פאַרגיין פון ווייטאָק און די טויטע שטילקייט מער ניט שטערן!

און אַז עס קלאַפּט אַ האַרץ אין פיבער, קלאַפּט און ווערט גאָר ניט אַנטשוויגן,
קלאַפּט און קלאַפּט, און עקבערט מיר דעם מויאַך, אַז איך קען שוין מער ניט הערן, —
איז, עפּשער, זאָל איך עס מיט מיינע הענט די אייגענע פאַרוויגן?
איז, עפּשער, זאָל איך עס מיט מיינע הענט די אייגענע דערווערגן?

פרימאָרגן לויטערער אויף קלאָרע שנייען,
פרימאָרגן הייטערער אויף העלער ברייט.
אין פרי פון טאָג פאַרגייען גאָר די ווייען,
אין פרי פון טאָג צעאָטעמט זיך די פרייד.

אין פרי פון טאָג צערינען גאָר די שאָטנס,
פרימאָרגן קומט מיט זונשיין און מיט ליד.
די וועלט איז ווידער פריי און ליכטיק־אָפן,
און וועגן וואַרטן שוין אויף גרינגע טריט.

אין פרי פון טאָג פאַרבלייכן גאָר די שרעקן,
פרימאָרגן קומט מיט יונגשאַפט און מיט טוי.
איך נעם אָפּסניי אין האַנט דעם וואַנדער־שטעקן
און שפּאַן א מונטערער צום לאַנד פון טרוים.

זיי געבענטשט, מיין הארץ, מיט בלויען און מיט שיינען.
טאָג אזא צעליכטיקטער אויף העלער ברייט.
טאָג אזא צעלויטערטער אויף קלאָרע מיילן.
זון — צעשפּריצט אויף שניי אין רעגנבויגנס פרייד.

זון — צעשפּריצט אויף שניי אין גאָלד און פּערלמוטער.
זיי געבענטשט, מיין הארץ, מיט טפילע און מיט ליד.
טאָג אזא צעהימלטער אין מילדער גוטסקייט.
טאָג אזא צעשמייכלטער אויף שפּיזן ליכט.

זיי געבענטשט, מיין הארץ! סע שטיקן מיך די ווערטער.
טרערן בעטן זיך אויף אויגישער, צעבליטער שוועל.
פרייד פון לעבנס־גלי און פרייד פון הייסן קערפּער
דאָ, אויף דער צעקלונגענער, באַשטראַלטער ערד.

דאָ, אויף גרייזער ערד, מיט קאָפּ אין הויכע הימלען, —
זיי געבענטשט, מיין הארץ, מיט טפילע און מיט ליד.
טאָג אזא צעזילבערטער אויף טאַצן שימער.
טאָג אזא צעשמייכלטער אויף שפּיזן ליכט.

ווער קען שווייגן אַזוי קלוג,
ווי דער זויבער־ווייסער שניי?
שווייג, מיין האַרץ, און הער זיך צו
צו דעם פֿאַלנדיקן שניי.

זילבער־פֿעדים אינדערלופֿטן.
וועלט איז איצט אַ ווייסע ליד.
מיט דער שנייאיק־קלאָרער קלוגשאַפֿט
האָבן דערנער זיך צעבליט...

וועלט איז איצט אַ ווייסער כאַלעם.
באַרג און טאָל, און בוים, און שטיין
שווייגן, לויטערע, אין קלאָרן,
אין געהייליקטן פֿאַרגיין.

קאַלטע שטראַלן, גליווער־בליצן.
וועלט איז איצט אַ ווייסער נעס.
שווייג, מיין האַרץ, און ברען אין שטילקייט,
ווי דער מידבאָרדיקער סנע.

פֿליגל־פֿלאַטער, קישעף־רעגע,
בלויע גנאַד אויף ווייסן שניי.
סוועט דיין ציטעריקעם לעבן
אויך אין ווייסקייט באַלד פֿאַרגיין.

ווער קען שווייגן אַזוי קלוג,
ווי דער זויבער־ווייסער שניי?
שווייג, מיין האַרץ, און הער זיך צו
צו דעם פֿאַלנדיקן שניי.

אין שימער פון זילבערנעם שנייאיקן טאָג,
אין בלענדקייט פון העלע, צעזוניקטע פליינען
מיין הארץ ווערט א שפיגל פון ליכטיקסטן גאָט,
מיין הארץ ווערט א פידל פון פריידן־געוויינען.

אויף יאמען אויף בלויע פון שנייאיקער טיף,
אויף זויבערער ווייסקייט פון שטראליקע שטרעקעס
מיין הארץ ווערט א בלאנקע, א גילדערנע שיף
מיט שטאָלצע, מיט שלאַנקע, צעזונגענע זעגלען.

צו ווייטן, מיין שיף, צו דער שיינענדער ווייט,
אויף העפקער, אויף נייעם, מיט קרעפטיקע לידער!
סע שמעקן די ווינטן מיט שנייאיקן וויין,
סע שמעקן די ווינטן מיט שנייאיקע בליטן.

צו ווייטן, מיין שיף, צו דעם גילדערנעם לאַנד,
אויף פרישע, אויף קלאָרע, אויף שוימיקע וועגן!
סע ברענען די ווינטן מיט פראסטיקן בראנד
און צינדן די בלוטן, און צינדן דעם לעבן.

אין שימער פון זילבערנעם שנייאיקן טאָג,
אין בלענדקייט פון העלע צעזוניקטע פליינען
מיין הארץ ווערט א שפיגל פון ליכטיקסטן גאָט,
מיין הארץ ווערט א פידל פון פריידן־געוויינען.

און זון אויף בארג און שניי אויף בארג, און איך.
און טאָג — צעשטראַלט אין רעגנבויגנס טוי.
פון אַלע ווינקלען פליסן כוואַליעס ליכט,
מיין קאָפּ — באַקראַנצט מיט בענטשנדיקן בלוי.

פון אַלע ווינקלען פליסן שטראָמען שיין
און איך בין דאָ אויף שפּיץ פון בארג אַליין.
און שטיל—אַרום און שאַ—אויף נאָנט און ווייט,
מיין קאָפּ—באַדעקט מיט שווייגנדיקן שניי.

און שטיל—אַרום און איך—אין מיט פון טאָג,
און נאָנט—מיט מיר און טיף אין מיר איז גוט.
פון אַלע ווינקלען שטראָמען כוואַליעס גנאַד.
מיין קאָפּ—באַצירט מיט ווייסער קרוין פון רו.

אַ נאַכט, אַ מילדע נאַכט אין שטילע רוימען,
סע שווייגט די ערד, פֿאַרהילט אין מאַטן זילבער,
סע שטוינען בערג אין שנייאיק־קלאָרע קרוינען,
איך ליג אַליין אין דרימלענדיקן צימער.

איך ליג אַליין באַם שײַנענדיקן פֿענסטער,
עס צערטלט ווי אַ מאַמע מיך די שטילקייט,
אין בליק פֿון דער לעוואָנע כלייען נעמען:
ווערלען, באַדלער, סערגיי יעסענין, רילקע...

אין בליק פֿון דער לעוואָנע בזע געשטאַלטן:
אַ טרוימער־יונג מיט אויגן — העלע לידער
און דו, מיין איינאונאיינציקע, מיין צאַרטע,
אין ווייסן קלייד, אין מאַיאיקן, אין גרינגן.

און דו, מיין איינאונאיינציקע, מיין בעסטע,
אָ, בויג זיך, בויג זיך איבער מיר און פֿליסטער,
און שעפּטשע מיר אין אויער בלויע ווערטער:
מיין אינגל אָרימער, מיין קראַנקער דיכטער.

מיין אינגל אָרימער, מיין קראַנקער דיכטער.
נו פֿריי דיך, האַרץ, און קוועל, און זינג, און טרוים איצט.
ווער גלעט דאָס אַזוי זוניק מיינע וויעס?
ווער קושט דאָס אַזוי ליכטיק מיינע אויגן?

ווער גלעט דאָס אַזוי צאַרט מיין הייסן שטערן?
אָ, פֿינגער שנייאיקע, אָ, ווערטער בלויע!
עס ווערט דער צימער פֿול מיט ווייסע שטערן,
לעוואָנעס שמייכלען בלאָס אין בלינדן טרויער...

אָט די פּאַרטאָגן, ווען האָב איך געזען זיי?
אָט די פּאַרטאָגן, — בלויע קינדהייט־פרייד!
איך עפן ברייטער אויף מיין קליינעם פענסטער
און הער זיך צו צום פּאַלנדיקן שניי.

ס'איז שטיל ארום. די וועלט, זי רוט אין שלאָף נאָך.
ווי אין א וויג—דער וועג צעווישן וואַלד.
ווי ווייסע בערן דרימלען גרויע יאָדלעס,
דער קלאָרער שניי פון הויכן ווייסע פאַלט.

איך קוק, איך הער און ווער ניט מיד צו הערן.
פאַרוויג אויף נאָך א ווייל, מיין צאַרטער שניי!
אָט די פּאַרטאָגן, ווען האָב איך געזען זיי?
אָט די פּאַרטאָגן, — בלויע קינדהייט־פרייד!

און ווידער פרייט זיך הארץ מיט זונשיין און מיט ווינטן,
מיט צארטער נאקעטקייט פון ליכטיקע בעריאָזעס,
מיט העלער ברייט פון זויבער־ אויפגעבליטן ווינטער,
מיט זילבער־ווייסן וועג, — אויף שפאנען און אויף וואָגלען.

אויף שפאנען און אויף וואָגלען, האָפּעדדיק און טראָציק,
מיט אומרו ברוזיקן, מיט דול־פארשייטער פרייקייט.
עס רינט דאָס זאלב פון בלויען עטער אויף מיין קאָפּ מיר
און סווינקען צו צעקלונגענע, צעשיינטע ווייטן.

אָ, טעג צעלויכטענע אויף בערג־שפּיצן אויף קאלטע!
אָ, נעכט צעשטערנטע אויף שטילער שפּרייט פון פעלדער!
איך בין מיט אייך, איך בין מיט שניי, מיט דערנער שארפע,
איך בין מיט בוים, מיט שטיין. מיט גליווער און מיט לעבן.

איך בין מיט דיר, מיין דיכטערישע פיינען־טאָרבע,
עס בליט מיין בליק מיט ליד, מיט טרוים און מיט שיגאָען.
אָ, שווארצע שרעק פון ראָבן־רוף אין רו פון אָוונט!
אָ, ווייסער סאָף באַם טויטן שיין פון דער לעוואָנע!

אנטלויף, אנטלויף פון שטאָט, פון טומל און פון לייט
און קום, מיין פריינט, מיט מיר אין שנייאיק-שטומען מידבאַר.
אויף הויכע בערג דאָ רוט די נאַכט אין ווייסן שיין
און הערט זיך צו צום אָטעם פון דער טיפסטער שטילקייט.

דאָ ברענען דערנער פּאַרכטיקע אין בראַנד פון פראָסט,
ווי זיי, מיר וועלן ברענען אייזיק-קאַלט און ליכטיק.
אין שטערן-בוך אַנטפּלעקן וועלן מיר דעם סאָד
פון שיינקייט אייביקער און פון דער פרומסטער דיכטונג.

זיך שטעלן וועלן מיר אויף שפּיץ פון העכסטן באַרג
און אויף דער שיף, דער זילבערנער, פון דער לעוואָנע
אוועקפירן וועט נאַכט אונז דורכן הימל-יאַם
צום העלן האַפן פון דעם זוניק-קלאָרן אָנהויב.

לייב צו לייב

אַז אַ ליבע פרוי פאַרגאַנוועט זיך צו דיר אין האַרצן,
אַז אַ ליבע פרוי צעבויטעט דיר דיין גראָדן סייכל...
סאיז שוין ווערט געווען אַריבערשווימען ווילדע יאַמען,
סאיז שוין ווערט געווען צו קלעטערן אויף בערג אויף הויכע.

וויעס לאַנגע, זיידענע און טייוולשע, און פרומע.
אויגן — זונען ברוינע צוויי אין הימלדיקן פּנים.
און אַ מויל — אַ פידל, ליפּן — זיסטע, צאַרטסטע סטרונעס,
און אַ שמייכל, גאָט געטרייער, פון אַ דזשיאָקאָנדע!

אָט דער שמייכל האָט מיך טאַקע אין זיין נעץ פאַרפּלאָנטערט,
אָט דער שמייכל צערטלט מיך און היילט, און רייצט, און קישעפּט,
ווען איך ליג פאַרפייניקט אויפן קרייץ פון אירע אָרעמס,
ווען עס בריען מיר די ליפּן אירע הייסע בריסטן.

ווען איך ליג אין אירע הייסע אָרעמס אַ פאַרווינטער,
טויכן יאָרן גרינגע אויף פון קינדהייט־יאַם פון קלאָרן,
פראַלן אויף זיך, הייליק־לויטער, אַלע זיבן הימלען,
ווי אין ליכטיקן, אין ערשטן טאָג פון מיין געבאָרן.

ווען איך ליג אין אירע הייסע אָרעמס אַ צעהעלטער,
זאָגן שירע אַלע גראָזן, זינגען אַלע ביימער,
קלינגט די ערד אַ שטאָלצן הימן, קלינגען הויכע שטערן,
ווייגט די גאַנצע ערד מיט מיר פאַר פרייד פאַר אויסגעבלויטער.

אַז אַ ליבע פרוי פאַגאַנוועט זיך צו דיר אין האַרצן,
אַז אַ ליבע פרוי צעבויטעט דיר דיין גראָדן סייכל...
סאיז שוין ווערט געווען אַריבערשווימען ווילדע יאַמען,
סאיז שוין ווערט געווען צו קלעטערן אויף בערג אויף הויכע.

איך האָב איר געלייענט מיינע לידער,
שטייענדיק אַזוי צעשויבערט־ווילד.
אויפֿן בעט איר בליק האָט פּייכט געפּיבערט:
— קינד — האָט זי געשעפּטשעט אינדערשטיל.

איך האָב איר געלייענט מיינע לידער:
פֿעלד און בוים, און ווינט, און גאָלד פֿון זון.
צאַרט איר האַנט מיין קאָפּ האָט איינגעפֿינגערט,
צוגעטוליעט צו דער הייסער ברוסט.

איך האָב איר געלייענט מיינע לידער:
הונט און האַרבסט, און טויט, און בלינדע נאַכט.
בליפּנדיק געקושט האָט זי מיט ליפּן,
קלעפּיק־טויאיקע פֿון זיסן זאַלץ.

אין דאָזיקער שעפּע פון ליכט און פון גרינסן,
אין דאָזיקער שעפּע פון זומער געבענטשטן,
ווי גוט איז אינצווייען מיט דיר דאָ, מיין ליבסטע,
ווי גוט איז אינצווייען מיט דיר דאָ, מיין שענסטע.

סע קלינגען פאַרשייטער די ווייטן די שלאַנקע,
סע שפּילן זיך ווינטן אין דעמבישע בלעטער.
כוועל קושן די הענט דיר, די פינגער די צאַרטע,
די זיידענע וויעס כוועל קושן, כוועל גלעטן.

אַ הימל אַ קלאָרער אויף לייבער אויף יונגע,
אַ פרייקייט אַ גרינגע אין בליקן אין קלאָרע.
כוועל קילן מיין פּאָנים אין שנייאיקן בוזעם,
כוועל זופּן פון ליפּן דעם זוניקן האָניק.

אַ ראַכוועס אַ העלע אויף זאַפטיקע פּליינען,
אַ שוימיקע בלויקייט אין וואַלדישע טיפן.
כוועל זינקען אין יאַמען פון אָרעמס פון הייסע
און קלייבן די פּערל פון ווערטער פון זיסטע.

היינט ווילט זיך מיר זינגען, היינט ווילט זיך מיר טאַנצן,
היינט ווילט זיך מיר ווילד זיין און הילכן, און שרייען,
זאָל ברענען פון ליבע דער הערלישער פלאַקער
אין נאַקעטע לייבער אויף ערדישן לייַלאַך!

אין דאָזיקער שעפּע פון ליכט און פון גרינסן,
אין דאָזיקער שעפּע פון זומער געבענטשטן,
ווי גוט איז אינצווייען מיט דיר דאָ, מיין ליבסטע,
ווי גוט איז אינצווייען מיט דיר דאָ. מיין שענסטע.

פרויען — דערעמדיק צעגליט,
פרויען — צאַפּנדיקע, שטילע.
אַלע טאָג — א נייע ליד,
אַלע טאָג — א נייע ליבע.

גיב מיר דיינע פידלען־הענט,
ווי א סטרונע — יעדער פינגער,
כוועל אויף זיי מיט האַרץ, וואָס ברענט,
אויסשפּילן א הייסן ניגון.

סבריט די ליפּן מיר דיין לייב,
יעדער קנייטש — אין טויזנט רייצן,
זיסע, גלוסטנדיקע ווייב,
פרומע, שעמעוודיקע מיידל.

זון און פּעך אין וואַלד פון האָר,
פרישער בעז אין צווייט פון באַקן, —
גיב א ביס מיך מיט א וואָרט
אַזאַ שאַרפן, אַזאַ צאַרטן.

שטויס מיך אָפּ און צי מיך צו,
פּייניק מיך אויף קרייץ פון אָרעמס, —
סברילט א שטורעם אין מיין בלוט,
סטאַנצט א וויכער אויף מיין פּאָנים.

אויגן מילדע פון א טויב,
קושן ווילדע פון א טיגער, —
גיב פון אויגן מיר דעם טוי,
גיב דעם סאַם מיר פון די ליפּן.

גיב דעם ווייַן מיר פון די פּיס,
גיב דעם שניי מיר פון די בריסטן.
אַלע טאָג — א נייע ליד,
אַלע טאָג — א נייע ליבע.

אַ נאַקעטע געלעגן ביסטו היינט אַקעגן זון
אין שיין פֿון אויסגעבליטן טאָג אויף גרינעם ערדן־לײַלאַך;
כ׳האָב צוגעקוקט, ווי ספּליסט אין אָדערן דאָס הייסע בלוט,
כ׳האָב טיף אַרײַנגעבליקט אין אויגן־שפּיגלען ברוינע, פֿײַכטע.

אין שטוינענדיקן וואונדער צוגעטוליעט האָט זיך אויג
צום צאַרטן מילכוועג צווישן הויכקייטן פֿון שטײַפֿע בריסטן;
אין לינדן ווינט די האָר געכוואַליעט האָבן זיך, געקרויזט —
אַ העלע, דופּטנדיקע קרוין צום קאָפּ צום אויפֿגעבליטן.

געשטראָמט האָט לעבנס־זאַפֿט ווי שוימענדיקער, שטאַרקער ווײַן,
פֿון אויסגעשלאַנקטן האַלז, פֿון ליכטיק־בלענדנדיקע לענדן,
איך האָב געקוקט, געשטוינט און קלאָר געוואָרן איז מיר היינט:
אַקעגן זון דײַן לײַב, עס האָט זיך ניט מיט וואָס צו שעמען...

אַ טאָג מיט דיר, אַ גאַנצן טאָג מיט דיר,
אויף גרינער ערד, אין גרינעם וואַלד, אין ווילדן.
מיט ליפּן דיינע זיסע זיך געקוויקט
און מיט דיין הייסן בליק זיך אָנגעשיקערט.

אַ טאָג מיט דיר. אַ גאַנצן טאָג אין וואַלד,
באַדאַכט מיט הויכן, אויסגעבלויטן הימל.
די שלאַנקע הענט דיינע אַרום מיין האַלז
און האַרץ צו האַרץ, און קני צו קני — אין ליבע.

אויף לייב פון ערד דיין ווייבערישעס לייב —
איז עפּעס דאָ אויף גאָרער וועלט נאָך שענערס?
ווי קלאָרע זון, ווי זון פון מיט־טאָג לייכט
אויף ערדן־נאַקעט דיין אַנטבלויזטער קערפּער.

זיך אָנגעזאַפּט מיט ווייניקסטן גערוך,
מיט דינסטן רייאַך פון דיין צאַרטן אָטעם
און אין דיין בלוט זיך אויפגעלייזט מיט גוף,
מיט גוף, מיט בלוט, מיט מאַרך און מיט נעשאָמע.

אין קרייז פון רויען קרעפטן־פּרימיטיוו,
אין ראָד פון ערדישן, פון גרינעם פלאַטער, —
ווי אוראַלט־ליכטיק און ווי מענטשלעך־טיף
דיין יעדער ריר איז דאָ, דיין יעדער צאַפּל.

זיך אָנגעגליט אויף שאַרפשטיין פון דיין אויג
און אויף דיין שייטער־ברוסט זיך אויסגעפּייערט, —
איצט פלאַקערט אויף מיין צוויטנדיקער טרוים,
איצט רייפט מיין ליד, ווי זון אין רויטן מייַרעוו.

אַ טאָג מיט דיר, אַ גאַנצן טאָג אויף ערד,
אַ גאַנצן טאָג מיט זון אין הויכן הימל.
איצט בין איך מיד, איך גיי צו רו, צו בעט.
אַ גוטע נאַכט, מיין טייערע, מיין ליבע.

הויכער טאָג און זון אין אויסגעבלויטן הימל,
הויכער טאָג און הימל — זוניק־קלאָר צעשיינט.
ליבע מיינע, מיידל ליכטיקע און פלינקע,
ליבע מיינע, ווילדע, שטיפערישע ווייב.

סהאָט נאָך קיינמאָל ניט אזוי דאָס הארץ געפיבערט,
סהאָט נאָך קיינמאָל ניט אזוי דאָס הארץ געברענט.
גיב מיר דיינע זיסע, גלוסטנדיקע ליפן,
גיב מיר דיינע שלאַנקע, בלענדנדיקע הענט.

ווייסן זיי דען, אַט די קרעמערשע נעשאָמעס,
ווייסן זיי דען, ווי סקען ליבן א פּאָעט?
הער, ווי סזיפּצן אזוי טויאיק היינט די גראזן,
הער, ווי סאָטעמט אזוי פריידיק היינט די ערד.

זון אין אויגן דיינע קוואַליקע זיך פליעסקעט,
ווינטן שפּילן זיך אין וואַלד פון דיינע האָר.
איינמאָל, איינמאָל איז א גליק אזא באַשערט דאָך,
איינמאָל, איינמאָל בליט אויף אזא גרינגע וואָר.

כוויים, אז קומען וועלן טעג נאָך הארבסטיק־טריבע,
כוויים, אז קומען וועלן נעכט נאָך קאַלט און שטום, —
גיב־זשע נאָכאַמאָל די ליפּן מיר, דעריבער,
גיב־זשע נאָכאַמאָל מיר דיין צעפלאַמטע ברוסט.

איינמאָל איינמאָל איז א גליק אזא באַשערט דאָך,
איינמאָל, איינמאָל בליט אויף אזא גרינגע וואָר.
זאָל־זשע אונזער ליבע צאַרטער זיך צעהעלן,
זאָל־זשע אונזער ליבע זיין היינט זוניק־קלאָר.

טייערע, פֿאַרשייטע מיינע, פֿרייד פֿון וואונדערלעכן לעבן,
כהאָב פֿאַרזייט היינט אין דיין קערפּער קערנער פֿון מיין בלוט און מאַרך,
עפּשער וועט פֿון זיי אַרויסשפּראָצן אַ נאַפּאָליאָן, אַ לעניין,
עפּשער וועט פֿון זיי אַרויסוואַקסן אַ געטע, אַ סאָקראַט.

כשפּיר די זיסטע ערד־געראַכן אין וויברירונג פֿון דיין אָטעם,
כזע די ליכטיקסטע געשטאַלטן אין שפּאַקטיוון פֿון דיין בליק,
כשווים צו העלסטע קינדהייט־ברעגן אויפֿן יאַם פֿון דיינע אָרעמס,
כהער די לירישסטע ניגונים אויף דער פֿלייט פֿון דיינע קני.

האָסט פֿאַרבלענדט מיך, האָסט פֿאַרקישעפֿט, האָסט צעוויִיט מיין שווערן טרויער,
האָסט צעהאַנגען בלאַנקע זונען אין די הייל̈ן פֿון מיין אויג.
איצטער פֿיל איך: פֿליגלען גרינגע טראָגן מיך צו שיין פֿון רוימען,
איצטער פֿיל איך: הענט געבענטשטע הייליקן מיין שטומען מויל.

איז נאָך שענערס דאָ אין לעבן ווי די אויפֿבליִצן פֿון ליבע?
איז נאָך שענערס דאָ אויף ערדן ווי די פֿרייד פֿון מאַן און ווייב?
כוועל דיר, שענסטע מיינע, זינגען, זינגען היינט דאָס ליד פֿון לידער.
כוועל אַ שוואָך היינט צעשאַלן צו דיין ווייבערישן לייב.

לייב צו לייב און האַרץ צו האַרץ אין צאַרטסטער, גליקלעכסטער באַהעפֿטונג,
ליפּ צו ליפּ אין פֿלאַם פֿון קושן, לייב צו לייב און האַרץ צו האַרץ,
קני צו קני אין בראַנד פֿון ליבשאַפֿט אויפֿן הייסן ערדן־טעפּיך,
אונטער בלויען דאַך פֿון הימל, צווישן גרינע ווענט פֿון וואַלד.

טייערע, פֿאַרשייטע מיינע, פֿרייד פֿון וואונדערלעכן לעבן,
כהאָב פֿאַרזייט היינט אין דיין קערפּער קערנער פֿון מיין בלוט און מאַרך,
עפּשער וועט פֿון זיי אַרויסשפּראָצן אַ נאַפּאָליאָן, אַ לעניין,
עפּשער וועט פֿון זיי אַרויסוואַקסן אַ געטע, אַ סאָקראַט.

ווידער צאַפּלט זיך מיין האַרץ אין דיינע אָרעמס,
ווידער ברענט אויף מיר דיין פאַספאָרדיקער בליק.
ערד פון אונטער פיס צעעפנט בלויע טהאָמען
און אין גרינגן, עטערדיקן יאַם איך שווים.

ליבע, ליבע, גרויליק־גלעטנדיקער וואונדער.
האַרץ פאַרכלינעט זיך אין פריידיקן געוויין.
ווער האָט אַזאַ ליידנשאַפט אין דיר צעצונדן?
ווער האָט אַזאַ פייער אין דיין ליב פאַרזייט?

וויס, מיין טייערע, מיין אויסדערוויילטסטע, וויס עס:
כהאָב געביינקט דאָך נאָך אַ פרוי אַזאַ ווי דו.
קען נאָך ווער אויף ערדן קושן פון דיר הייסער?
פלאַקערט ערגעץ נאָך אַזאַ צעגליטע ברוסט?

קינד מיינס, קינד מיינס, העלסטער שטערן אויף מיין הימל,
פון פאַרלאַנגען מיינע העכסטער פעלזן־באַרג,
מיט דיין צאַרטסטער ליבע האַרגע און פאַרניכט מיך,
און נאָך דיר זאָל טויט זיין, קאַלטע, בלינדע נאַכט!

כהאָב געוואָגלט דאָך דורך יאַמען און דורך לענדער
כהאָב געוואָגלט און אַ גליק אַזאַ געזוכט.
איצטער וועלן מיינע אויגן זיך צעבלענדן,
איצטער וועט צעקלינגען ווילדער זיך מיין בלוט.

איצטער, פיל איך, וועלן לידער זיך צעבליען
דורכגעווירצט מיט זיסטע זאַפטן פון דיין טראַכט.
מיט דיין צאַרטסטער ליבע האַרגע און פאַרניכט מיך,
און נאָך דיר זאָל טויט זיין, קאַלטע, בלינדע נאַכט!

אין דיינע אָרעמס קען ניט אָפּקילן מיין הייסער ציטער,
אין דיינע אָרעמס קען ניט אָפּגרינען מיין העל געמיט.
דו ביסט מיין יונגע ערד, דו ביסט מיין הויבער, קלאָרער הימל,
דו ביסט פון אַלע מיינע לידער דאָס פאַרשייטסטע ליד.

וואָס איז מיין לעבן, כוץ געדראַנג אין בלויער פרייד פון קלאַנגען,
וואָס איז מיין לעבן, כוץ ניגונים בלויע פון געדאַנק?
ווי גאָלד פון מיטאָג־זון אויף כוואַליעס שוימיקע פון זאַנגען
צעפּליסן הייגט זיך דיינע קושן אין מיין דאָרשטיק האַרץ.

ווי שפּיל פון גרינגן ווינט אין פלאַטער־פייערן פון בלעטער,
צעפינקלען דיינע בליקן זיך אין שפּיגלען פון מיין אויג.
עס זויפט מיין ליפּ דיין שאַרפן וויין און ווערט אַלץ ניט געזעטיקט,
עס טויאיקט זיך מיין לייב אין דיינס און ווערט אַלץ ניט צעטויט.

איך שפּיר דעם זיסטן פּיין דאָך דורך דיין גליענדיקן אָטעם,
איך הער דאָך דורך דיין בלוט דעם זאַפטן־רויש פון גאָרער וועלט.
עס לייזן אויף זיך אַלע מיינע זוניקע אטאָמען
און סהויבט מיך אינדערהויך, און פליען ווערט שוין גאָר ניט שווער.

וואָס איז מיין לעבן, כוץ געדראַנג צו לויטערקייט פון ספערן?
וואָס איז מיין לעבן, כוץ געבעט צום ליכטיקן איין־סאָף?
ווי שמעטערלינג, ווי לייכטער, אין אַ זומער־פרי אַ העלן,
צעבליט זיך אין דיין צאַרטן שמייכל מיין פאַרגרויטער קאָפּ.

אין דיינע אָרעמס קען ניט אָפּקילן מיין הייסער ציטער,
אין דיינע אָרעמס קען ניט אָפּגרינען מיין העל געמיט.
דו ביסט מיין יונגע ערד, דו ביסט מיין הויכער, קלאָרער הימל,
דו ביסט פון אַלע מיינע לידער דאָס פאַרשייטסטע ליד.

דיר, מיין איינציקע מיט לויכטנדיקן פּנים,
דיר — מיין טפילע אין דער אויסגעבלויטער נאַכט.
ערד — אין גרינגעם האָניק, הויך — אין שטערן קלאָרע
און די לופט — אַ וויניק־שוימענדיקער יאַם.

האָסט באַפּרוכפּערט מיין געדאַנק מיט נייע ווערטן,
האָסט מיט פרישער פרייד באַשאָנקען מיין געמיט.
איצטער טריפן לויטערער שוין מיינע ווערטער,
איצטער שפּילט מיין שמייכל שוין, ווי בײַ אַ קינד.

ווערטער צאַרטע, ווערטער — קינדערישע שמייכלען, —
כהאָב פאַרהיט זיי פאַר אַ פרוי אַזאַ, ווי דו.
קום, מיין טייערע, און לאָמיר זיך צעהוידען
אויפן יאַם פון וויניק־שוימענדיקער לופט.

סאיז אַ שיף די נאַכט, אַ שיף אין שטערן־זעגלען
און לעוואָנע מילדע איז היינט קאַפּיטאַן...
סרופן אונז צעבליטע, קישעפדיקע ברעגן,
סוואַרט אויף אונז פון גינגאָלד ליכטיקן אַ לאַנד.

סוואַרט אויף אונז אַ לאַנד פון גאָלע פייער־זונען,
בערג און פעלזן פינקלען דאָרט אין העלסטן שיין.
רוישיקער און הייסער שטראָמען מיינע בלוטן
און איך הער שוין די געזאַנגען פון דיין לייב.

סאיז אַ שיף די נאַכט, אַ זילבער־שיף אַ בלויע.
אויף דער שיף — נאָר איך און דו, נאָר איך און דו.
קום, מיין טייערע, און לאָמיר זיך צעהוידען
אויפן יאַם פון וויניק־שוימענדיקער לופט.

איך — אין שוים אין דיינעם,ביידע מיר — אין שוים פון נאכט.
הימל־רינג — באצירט מיט פערלדיקע שטערן.
פענסטער — צוגעלאָדנט, טיר און טויער — צוגעקלאַפּט.
אין עקסטאַז פון ליבע פלאַקערן צוויי הערצער.

איך — אויף ברוסט אויף דיינער, ביידע מיר — אויף הייסער בעט.
פּאַספּאָרדיק די בליקן לויכטן אינדערפינסטער.
ליפּ — געשמידט צו ליפּ און הענט — פאַרקאָוועטע אין הענט.
ספיבערן צוויי הערצער אין איין פייער־ניגון.

סהעפּטן זיך צוויי הערצער אין איין ליכטיקן געדאַנק:
אויסגיין און צעטויען זיך אין יאַם פון עטער.
איך — אין שוים אין דיינעם, ביידע מיר — אין שוים פון נאכט.
הימל־רינג — באַצירט מיט פערלדיקע שטערן.

— טייערע, וואָס זעסטו איצטער, זאָג מיר, ווייב מיינס, זאָג,
סלויכטן אינדערפינסטער אַזוי בליציק דיינע אויגן?
— כזע מיין קינדהייט איצט, מיין קלאָרן, זוניקן אַמאָל,
כליג אין וויגל און די מאַמעס צאַרטע הענט מיך הוידען.

— טייערע, וואָס הערסטו איצטער, זאָג מיר, ווייב מיינס, זאָג.
סרוישן דיינע בלוטן אַזוי שוימיק, אַזוי שטראָמיק?
— כהער דעם העלן ספּערן־קלאַנג פון הויכן הימל־גלאָק,
כהער דעם הייסן לעבנס־שאַל פון יאַם און פון יאַבאָשע.

— טייערע, וואָס שפּירסטו איצטער, זאָג מיר, ווייב מיינס, זאָג,
האַרץ אין דיינע בריסטן אַזוי כוואַליעט זיך און פיבערט?
— כשפּיר דעם קאַלטן סאָף, דעם שנייאיק־שווייגנדיקן סאָף,
וועלכער שוועבט שוין אויף די פליגלען פון דער נאַכט דער בלינדער.

סהאָט צעזומערט זיך מיין אויפגעגרינטער קאָפּ
און אפּסניי אין הויכן בלויע זיך פאַראַנקערט.
ווי אַ בלאַנקע זון אין שלאַנקן מיט פון טאָג,
האָסטו זיך אין האַרצן היינט באַ מיר צעפלאַקערט.

סהאָט צעשריען זיך מיין קאָכעדיקעס בלוט
ווילדער, ווילדער אין די אָרעמס דיינע הייסע.
ליבע, דו, מיט פייער־אויגן, מיט אַ גוף,
וואָס מאַרטירן קען מיט טויזנט כיינען־רייצן.

ליבע, דו, מיט צאַרטע, סאַמעטענע הענט,
מיט אַ מויל, וואָס דאָרשטיק שלינגט דעם טוי פון קושן.
נאַ מיין האַלז דיר און פאַרצי אויף דעם אַ פּענט,
און אַ שליידער טו מיין לעבן זיך צופוסנס.

מאַטער מיך און דרעש מיט ליבשאַפט אויס מיין לייב,
זויג אויס מיין טרויער ביזן טיפסטן וואָרצל;
ביזן טיפסטן וואָרצל לייטער אויס מיין פּיין
און צעגלי מיך, און צעצינד מיך מיט דיין אָטעם.

כוויל פאַרשאַרפעט ווערן, ווערן כוויל פאַרקוילט
אויפן כוואַליעדיקן שייטער פון דיין האַרצן.
צי אַראָפּ מיין זיבעטע, מיין לעצטע הויט
און פאַרניכט מיך, און פאַרשלינג מיך שוין אינגאַנצן.

כוויל צעאַשן זיך אין קעסל פון דיין בלוט,
אויסגיין, אויסגיין כוויל אין אָרעמס דיינע הייסע.
ליבע, דו, מיט פייער־אויגן, מיט אַ גוף,
וואָס מאַרטירן קען מיט טויזנט כיינען־רייצן.

אַ זומער אין זונשיין, אין צוויט און אין גרינסן,
אַ זומער אַ הויכער אין לויטערע הימלען.
געפֿארן, געוואָגלט דורך שטעט און דורך לענדער,
געפֿאָרן, געוואָגלט און ליבסטע באַגעגנט.

מיין ליבסטע, מיין מילדסטע, מיט ליכטיקסטע בליקן,
מיט קוואַליקן לייב דיינס באַהעל און באַגליק מיך.
אין סעדער די ווייניקע פֿרוכטן שוין רייפֿן,
דער גילדערנער קאָרן אויף פֿעלדער שוין צייטיקט.

סע ווייניקט דיין מויל דאָך מיט עפּל מיט קלאָרע,
סע גאָלדיקט דיין אויג דאָך מיט זאַנגען מיט בלאָנדע.
מיין ליבסטע, מיין ווילדסטע, מיט אָרעמס צעהיצטע,
מיט טויאיקע קושן באַדעק און באַפֿריש מיך.

באַציר און באַפּערל מיט צייכנס פֿון ציינער,
מיט בלומען פֿון גלעטן באַקראַנץ און באַהיינג מיך.
דיין אָטעם איז האָניק, דיין אָטעם איז סאַם דאָך,
דיין אָטעם — אַ פֿלאַקער פֿון הייסטע פֿאַרלאַנגען.

דיין אָטעם דער הייסער, דיין פֿלאַמיקע ליבשאַפֿט,
זיי האָבן מיין האַרץ און מיין זינען צעמישט דאָך.
איצט הוידעט מיין קאָפּ זיך שוין שיקער פֿון לייב דיינס,
שוין שיקער פֿון זונשיין און זומער פֿאַרשייטן.

אַ זומער אין זונשיין, אין צוויט און אין גרינסן,
אַ זומער אַ הויכער אין לויטערע הימלען.
געפֿאָרן, געוואָגלט דורך שטעט און דורך לענדער,
געפֿאָרן, געוואָגלט און ליבסטע באַגעגנט.

אזויפיל העלקייט איז פארהוילן אין דיין לייב
און אלע נאכט — דו ליגסט פאר מיר א נייאנטפּלעקטע.
אין אָרעמס שלאנקע, ליכטיקע דו וויגסט מיך איין
און נייע לידער אין מיין הארצן זיך דערוועקן.

מיין נאזיר־הארץ, וואס האט געוויכט פון פרויען־מין,
וואס האט צו זיך אליין אין אומשולד זיך געטוליעט. —
איצט היט איך אָפּ דאָך, ווי א הונט, דיין זיידן טיר
און קני אין פרייד מעשוגענער צו דיין צופוסנס.

פונוואנען איז געקומען צו מיר אזא פרייד,
א פרייד א שוימיקע, וואס וויס ניט פון קיין ברעגן,
א פרייד, וואס צערטלט מיך ביז טרערן, ביז געוויין,
וואס שוידערט אויף די דינסטע סטרונעס פון מיין וועזן?

דאס איז פון דיר, פון דיינע זינגענדיקע הענט,
פון דיינע אויגן, פון דיין בלענדנדיקן שמייכל.
אויף דיינע קני האט זיך מיין לײדנשאפט צעברענט,
האט זיך מיין נאזיר־הארץ צעפיבערט און צערויכערט.

דאס איז פון דיר, פון דיינע לויכטנדיקע פיס,
פון דיינע ליפּן, פון דיין אטעם, דעם צעהיצטן.
אויף דיינע בריסטן האט מיין לעבן זיך צעבליט,
האט זיך מיין לעבן, ווי א פרילינג־בוים, צעוויקלט.

אזויפיל העלקייט איז פארהוילן אין דיין לייב
און אלע נאכט — דו ליגסט פאר מיר א נייאנטפּלעקטע.
אין אָרעמס שלאנקע, ליכטיקע דו וויגסט מיך אייך
און הייסע לידער אין מיין הארצן זיך דערוועקן.

פאַר יאָרן פינסטערע פון שווערן פיין,
פאַר גרויל פון גרויע, איינזאַמע מעסלעסן
באַשטראַלט האָסטו מיין פּאָנים מיט דיין ליב,
באַשיינט האָסטו מיין קאָפּ מיט דיינע לענדן.

סע שטראָמט אויף מיינע טפילעדיקע הענט
אַזויפיל ליכטיקייט פון דיינע אויגן.
דו האָסט מיך אָפּגעקלאָמערט פון דער ערד
און ביזן העכסטן שטערן מיך דערהויבן.

געבענטשט זאָל זיין די אויסגעבליטע נאַכט,
די נאַכט די הייליקע פון אונזער ליבע.
פון טראַכט דיינער דער קוויקנדיקער קוואַל
אויף לאַנגע, לאַנגע יאָר איז נאָך פאַרבליבן.

עס פליסט, עס פלייצט און ווערט ניט אויסגעשעפּט
די זיסע זאַפט פון אַלע דיינע גלידער.
דעם מאָל דעם וויפלטן די הייסע בעט
אויף הענט פון ליבשאַפט לויטערער פאַרוויגט אונז?

געבענטשט זאָל זיין דיין פייערדיקער מויל,
וואָס קושן קען אַזוי און שטענדיק רייצן.
דיין יעדעס וואָרט באַפרישט איז דאָך מיט טוי,
מיט זון באַקרוינט איז דאָך דיין יעדער שמייכל.

דיין יעדער ריר באַהויכט איז דאָך מיט לוסט,
דיין יעדער בליקן־וואונק — מיט כיין פאַרשייטער.
דו האָסט כיך אָנגעצונדן, ברענט מיין גוף —
אַ העלער קנויט אין דיינע אָרעמס־לייכטער...

פאַר יאָרן פינסטערע פון שווערן פיין,
פאַר גרויל פון גרויע, איינזאַמע מעסלעסן
באַשטראַלט האָסטו מיין פּאָנים מיט דיין ליב,
באַשיינט האָסטו מיין קאָפּ מיט דיינע לענדן.

קוש מיך הייסער, הייסער, דריק מיך פעסטער צו צום הארצן,
זוניק אוים מיין בלינדן טרויער, לייטער אוים מיין שווארץ געמיט.
אין געראנגל בלוטיקן פאר בידנעם ברויט מיט וואסער
האָט מיין לעבן אויפן שוועל פון בלויען פרילינג אָפּגעבליט.

סהאָט די נויט די גרויע זילבערדיק מיין קאָפּ באקרוינט שוין,
מיין צעשויבערטן, אין וואָגלעניש אויסגעפּרואווטן קאָפּ.
סהאָבן זיך מיט ווייטן אָנגעזעטיקט מיינע אויגן
און דעם שטויב פון וואנדער־וועגן קען מיין איינגעמידטער טראָט.

כהאָב געוואָגלט פיל, געכאוועוועט זיך מיט העפקער־ווינטן,
שווימען זיך געלאָזט אויף ווילדע וואסערן פון לאנד צו לאנד.
סהאָט די בייטש פון לעבנס־זאָרג פון הארבער מיך געטריבן
ווייטער, ווייטער אויף מיין קרומען, דאָרנדיקן דיכטער־גאנג.

כבין א דיכטער און מיין הארץ איז שטענדיק, שטענדיק אָפן
פאר דער שיינקייט, פאר דער וואונדערלעכער שיינקייט פון דער וועלט.
נאָר עס האָט די צייט די איצטיקע זיך שארף צעכאָלעמט
וועגן פויסטן אָנגעביילטע, וועגן ביקס און וועגן שווערד.

ביקס און שווערד, און פויסטן־קראפט, און בלוטיקער געראנגל.
סהאָט נאָך קיינמאָל ניט געגוואלדעוועט אזוי דעם מענטשנס פּיין.
אומעטום האָב איך געזען זיי, אָט די הענט פארשקלאפטע,
אָט דעם ווײ, דעם אויסגענאָגטן, פון דעם מענטשנס הייליק לייב.

אומעטום האָב איך געשפּירט אים, אַט דעם קנוט, דעם שטריינגען,
וועלכער שינדט פון שוואַכע די צעפּאַסעוועטע הויט.
ביז דאָס האַרץ האָט זיך צעברילט פון כאַרפּע און פון ווייטאָק,
ביז עס האָט דער גיפט פון ווילדן האַס זיך אָנגעטריפט אין אויג.

שווערער ווערט פון טאָג צו טאָג דעם ערלאַכן דאָס לעבן,
איינגעשפּאַנט אין שווייסיקער, אין האַרטער, שטיינערדיקער וואָך.
סאיז אַ האַרטע צייט איצט, קעמפן מוז מען איצט מיט שווערדן.
סהעלפן שוין קיין ווערטער ניט און מאַכטלאָז איז דעם דיכטערס קאָל.

קוש מיך הייסער, הייסער, דריק מיך פעסטער צו צום האַרצן,
זוניק אוים מיין בלינדן טרויער, לייטער אוים מיין שוואַרץ געמיט.
אין געראַנגל בלוטיקן פאַר בידנעם ברויט מיט וואַסער
האָט מיין לעבן אויפן שוועל פון בלויען פרילינג אָפּגעבליט.

איך גלויב אליין זיך ניט, איך גלויב ניט מיינע אויגן,
פאסירן סהאט געקענט אט דאס, וואס האט פאסירט:
מיר זיינען זיך צונויפגעקומען אין איין וואוינונג
און סהאבן אונזערע גוירהלעס זיך פארקניפט.

פון פרויען איז דאס הארץ מיינס שטענדיק דאך אנטלאפן,
פון ווילדער ליידנשאפט געווייכט האט דאך מיין טראט.
אין קאלטער איינזאמקייט א טרוים איך האב געכאוועט,
א טרוים, וואס האט קיין אנהויב ניט און האט קיין סאף.

איך האב געמיינט: עס וועט מיין לעבן שוין דערשווימען
אליין, אליין צום ליכטיק־אויסגעביינקטן ברעג.
אין דיכטונג לויטערער א טרייסט איך וועל געפינען,
מיין איינציקער בארוף — א נאזיר, א פאעט.

עס וועלן פליסן יארן און מיין קאפ באקרוינען
מיט אלטקייט זילבערנער, מיט קלוגשאפט און מיט רו.
און, ווי פארנאכטן־גאלד די שווייגנדיקע פליינען,
פארהילן וועט דער הארבסט מיך אין זיין ראזער טוך...

האסטו מיך אויף מיין מיטן לעבנס־וועג באגעגנט
און, ווי א פייל, אריינגעפלויגן אין מיין הארץ,
צעלעכערט עס, פון טרוים, פון בלויען, אויפגעוועקט עס
און בלינדע קוואלן ליידנשאפט אין דעם צעפראלט.

עס האט אן אומרו אין די ארעמס מיך פארקלאמערט,
צעוויגט מיך האסטיק און פארפלאנטערט, און פארדרייט
אין טעג אזעלכע ווייניקע פון ליבע צארטער,
אין נעכט אזעלכע שיקערע פון צארטער פרייד.

די נעכט, די נעכט, ווען אויף דער בעט, דער גליאיק־הייסער
דיין אָטעם כשפיר, דעם פייער־אָטעם פון דיין בלוט;
עס ווײנט דאָך דאָן מיין האַרץ פון גיפטיק־ זיסן ווייטאָק,
מיט זאַפטיק־זיסע קרעפטן ברויזט דאָך דאָן מיין גוף!

און אַלע אינדערפרי באַגעגנסטו מיין אויפוואַך
מיט אויגן זומערדיקע, אָנגעגרינט מיט גליק.
סע שפּראָצט אַ נייער טאָג אויף פול מיט העלע קויכעס,
סע שפּרייט אַ נייע וואָר זיך, שמייכלענדיק און גרינג.

אַ נייע וואָר איז אויף מיין הימל אויפגעגאַנגען,
אַ וואָר, אַן ערדישע, וואָס כוואַליעט פון דיין לייב.
אין אַלע ווינקעלאַך פון שטוב — סע שפּירט דיין האַנט זיך,
אַ סאַמעט־האַנט, וואָס קען פאַרגלעטן טיפסטן פיין...

אין אַלע ווינקעלאַך פון שטוב—סע שפּירט דיין בליק זיך,
אַ בליק אַ זוניקער, וואָס וואַרעמט און דערקוויקט;
אַ בליק, וואָס האָט אין מיינע איינגעמידטע גלידער
אַ מונטערקייט אַן אינגלשע אַריינגעטריפט.

איך בין דאָך אינגערער, פיל אינגערער געוואָרן
און זיך אַליין דערקענען שווער איז מיר דאָך שוין.
איך קוק אויף זיך און טראַכט: עס איז דאָך נאָר אַ כאָלעם,
איך קוק אויף זיך, איך קוק אויף דיר און בליק מיינס שטוינט.

איך גלויב אַליין זיך ניט, איך גלויב ניט מיינע אויגן,
פאַסירן סהאָט געקענט אָט דאָס, וואָס האָט פאַסירט:
מיר זיינען זיך צונויפגעקומען אין איין וואויגונג
און סהאָבן אונזערע גוירלעס זיך פאַרקניפּט.

באַם ראַנד פון פינסטערן, פון שוואַרצן אָפּגרונט,
אין שווערער שאָ פון שטייגנדיקער שרעק
האָט אויפגעהעלט פאַר מיר דיין קלאָרער פּאָנים,
האָט זיך פאַר מיר דיין קלאָר געשטאַלט אַנטפּלעקט.

געווען בין איך פון לעבן אַ פאַריאָגטער
אויף שליאַכן היימלאָזע פון בלינדער נאַכט.
האָסטו מיין האַרטן, שטיינערנעם צוקאָפּנס
מיט וואַרעמקייט, מיט זוניקער, באַשטראַלט.

די הענט דיינע, דיין בלענדנדיקער שמייכל,
די צאַרטע דיינע, גלעטנדיקע רייד, —
זיי האָבן דאָך פאַרגרינגערט מיר מיין ווייטאָג
און גלויבן פרישן אין מיין האַרץ פאַרזייט.

פון אַלע שלייערן זיך אויסגעוויקלט
און אויפגעפּראַלט פאַר מיר אי ליבּ, אי זעל.
געבענטשט זאָל זיין דיין ווייבערישער ציטער,
דיין דאָרשט דיין שטענדיקע זאָל זיין געבענטשט.

וואָס עמעס איז: איך וויים נאָך איצטער אויך ניט,
צי איז עס שוין אָט דאָס, וואָס רופט זיך גליק.
נאָר סהאָבּן דיינע פייערדיקע אויגן
פאַרהיט מיין קאָפּ פון אָסיענדיקן שניט.

נאָר סהאָבן דיינע אָרעמס, די צעפלאַמטע,
פאַרוויגט מיך און באַשווערט מיין האַרץ מיט רו,
און אָפּגעקערט מיין טריבן בליק, מיין קראַנקן,
פון פינסטערער, פון גרוילנדיקער גרוב.

צווישן שטויב און שטערן

אין דער נאכט דער בלינדער, צווישן שטויב און שטערן,
וואנדערט אום א זינגער, וואגלט אום א שלעפער.

טארבע אויפן אקסל, אין דער האנט א שטעקן.
טונקל פירן שליאכן, היימלאז דרימלען וועגן.

סאיז א שא א שפעטע, סאיז א שא א טיפע.
רו אויף בוים און גרעזער הימלען הויכע טריפן.

זילבער פון לעוואנע — איבער בערג און טאלן.
וועלט איז איצט א מייסע, וועלט איז איצט א כאלעם.

קינדער — אין די וויגן, גרויסע — אין די בעטן.
סוואכן נאר גאנאווים, הורן און פאעטן.

אין דער נאכט דער בלינדער, צווישן שטויב און שטערן,
וואנדערט אום א זינגער, וואגלט אום א שלעפער.

שליאכן פירן טונקל, וועגן דרימלען היימלאז, —
שפאנט ער אום און בלאנקעט אין צעפליקטע קליידער.

קלארער שיין פון פעלדער, טויאיק בליצט דער קארן, —
שפאנט ער אום און בלאנקעט, הונגעריק און בארוועס.

ערגעץ פייפן באנען, שיפן ערגעץ שווימען, —
ניט צו זען קיין דערפל, ניט צו זען קיין אישעוו.

שטום די פרעמדע געגנט, נאר א ווינטל סוידעט
און די נאכט צעבלים איז, און די נאכט צעבלויט איז.

אין דער נאכט דער בלינדער, צווישן שטויב און שטערן,
וואנדערט אום א זינגער, וואגלט אום א שלעפער.

איך וועל אזוי דערשלעפּן שוין מיין לעבן
אַליין אויף שליאַכן עלנטע, אַ וואַגלער,
אין היץ, אין קעלט, אין שנייען און אין רעגנס,
דורך בלייכן ליכט פון נעפּלען און פון וואָלקנס.

אין זון, אין ווינט, אין נעכט פון שטערן גרינע.
אָ, אומעט שיינענדער אויף שפּרייט פון שטרעקעס!
ווי גוט איז מיטן בליק אין בלוי זיך שפּיגלען,
מיט ליפּן — טפילעס צו די ווייטן שעפּטשען.

ווי גוט איז שטענדיק וואַנדערן און שפּאַנען
אָן דאַך, אָן היים, אָן ווייב, אָן קינד, אָן נאָענטע
און הַעפקער־גאַנג פאַרוואָרלאָזטן פאַרגראַבעןן
מיט פערזן פון דער דיכטערישער טאָרבע.

איך וועל אזוי דערשלעפּן שוין מיין לעבן
אַליין אויף שליאַכן עלנטע, אַ בעטלער,
און שווערער, שווערער וועט מיין טאָרבע ווערן
מיט בראָכעס העלע פון גאָטס האַנט געבענטשטער.

און שפּאַנענדיק אזוי מיט טריט מיט שטילע,
אין גאָלד פון האַרבסט פון לעצטן אַ פאַרביינקטער, —
וועט ערגעץ אויף אַ פעלד אַ גרוי־פאַרהילטן
די ערד מיך איבערבעטן שוין אויף אייביק.

אויפֿן שפּיץ פֿון עווערעסט
שיינען שנייען בלויע,
שאַרפֿע, כאַלעפּדיקע פֿרעסט,
דימענטענער טרויער.

אויפֿן שפּיץ פֿון עווערעסט
הויערט הימל קלאָרער.
זונען־שימער, ווייטן־בלענד,
זעאונגען און וואָרן.

אויפֿן שפּיץ פֿון עווערעסט
פֿלאַקערט פֿרומע דיכטונג.
דאָרנדיקע טעג און נעכט,
צאַפּנדיק און ליכטיק.

זיך אויסגעשפאַנט פון אַלע זיבן יאָכן,
זיך אויסגעטאָן פון וואָכעדיקן שטויב, —
איז איצט מיין היים די גאָרע וועלט געוואָרן,
איז איצט מיין וועלט — אַ פערלדיקער טוי.

מיט בלאַסן שמייכל אויף די קאַלטע ליפּן
איך וואָגל אום פון לאַנד צו לאַנד אַליין
און אומעטום מיין גוף, מיין גרינגער פיבערט,
ווי דאָרן נאַקעטער, אין בלויען שניי.

מיט שטעקן, טאָרבע און אין פּראָסטע קליידער,
עס קושן טריט האַכנאַעדיק דעם וועג.
און קלוג איז שטילקייט לויטערע און הייליק
אין רו אויף האַרטער ברעטערדיקער בעט.

און גוט איז איצט מיר שוין אין רו אין העלער,
עס איז פאַר מיר פאַרבליבן נאָך אַ סך:
די שיינקייט און די ביינקשאַפט און די שטערן,
די קינדהייט און די טרוימען און די נאַכט.

אין מיר אזויפיל טרויער איז פֿארבאָרגן,
אין מיר — אזויפיל שוימענדיקע פֿרייד,
אין מיר — א קריג פֿון נעכטן מיטן מאָרגן,
אין מיר — פֿון היינט דער שטאָלענער געשריי.

מיט אויג צו שטאָט וואולקאנישער געבונדן,
מיט הארץ צו ערד צו טויאיקער געהעפֿט, —
אין מיר — אזויפיל שטייגנדיקער אומרו,
אין מיר — אזויפיל שטילקייט און געבעט.

אין מיר — אזויפיל שפּראצנדיקער פֿרילינג,
אין מיר — אזויפיל וועלקנדיקער הארבסט,
די גליוּוערניש אין מיר — פֿון שטומען מידבאָר,
די ברויזיקייט אין מיר — פֿון ווילדן יאם.

די כווישעכניש אין מיר — פֿון נאכט פֿון בלינדער,
די בלענדעניש — פֿון זון־ליכט אין זעניט.
איך בין א גרייזער זאָקן און א קינד נאָך,
א שווערער שטיין, געטראגן דורכן ווינט.

עס ווערט ניט אויסגעשעפּט די קלאָרע פרײ
די פרייד די קוואַליקע פון הייסן לעבן.
אַ נאַכט אַ פינסטערע אין גרוי פאַרגייט
און ווידער בליט דער מאָרגן אויף אַ העלער

עס צינדן זיך די מיזראַך־ברעגן אָן
אין ליכט אין לויטערן, אין שיין אין פרישן.
קאַלזמאַן עס בלויט די הויך זיך איבער קאָפּ,
איז מונטערדיק געשפּאַנט צו נייע זיגן.

קאַלזמאַן עס ווינקט די דופּטנדיקע ווייט,
איז שטיפעריש מיט ווינטן זיך געלאָזן.
עס קלינגט דאָס האַרץ אין יונגן, גרינגן לייב
און סקלינגען צו די בוימער מיט די גראָזן.

אַ וועלט, אַ בלאַנקע שטראַלנדיקע וועלט,
אין טוי אין פּערלדיקן אויסגעשפּרייט איז
און זון אין טאָלן פּלייצט, און זון אויף בערג,
און זון — אין צאַרטן, הימלדיקן טכיילעס.

צו ווייט, צו ווייט מיט זון אין פרייען בליק,
צו ווייט, צו ווייט מיט זון אויף פרייע שליאַכן!
קאַלזמאַן עס פּליעסקעט זיך דאָס גאָלד פון ליד,
איז האָפערדיק געהוידעט זיך אין שאַלן.

עס ווערט ניט אויסגעשעפּט די קלאָרע פרייד,
די פרייד די קוואַליקע פון הייסן לעבן.
אַ נאַכט אַ פינסטערע אין גרוי פאַרגייט
און ווידער בליט דער מאָרגן אויף אַ העלער.

ביז קומען וועט מיין לעבנס־טאָג דער לעצטער,
ביז קומען וועט מיין בלויסטע, פרומסטע שאָ,
וועל איך אַזוי ארומגיין שוין אויף ערדן
מיט אויפגעהעלטן, זינגענדיקן קאָפּ.

איך וועל אַזוי ארומגיין שוין און העפטן
די בליקן גלויביקע צו קלאָרער הויך,
און דאַוונען דאָ, און טפילע טאָן, און בעטן
צו יעדן שטיין, צו יעדן גראָז און בוים.

איך וועל אַזוי ארומגיין שוין און קלינגען
מיט לידער טויאיקע, מיט לידער — ווייַן.
און הערן וועלן גלעטנדיקע ווינטן,
און הערן וועט די שטראַלנדיקע ווייט.

איך ווייס, אַז צייטן זייַנען איצטער טעמפּע
און קלינגען האַרט מיט אייַזן און בעטאָן.
נאָר גוט איז מיר מיט שליאַכן און מיט שטערן,
נאָר גוט איז מיר מיט אָסיענדיקן גאָלד.

איך ווייס, אַז צייטן זייַנען איצטער טויבע
און סטריפּט פאַרשעמט דעם דיכטערס זוניק וואָרט.
נאָר גוט איז מיר מיט שקיע און מיט אויפגאַנג,
נאָר גוט איז מיר צו זייַן אַ דאָן־קיכאָט.

ביז קומען וועט נאָך מיר דער שוואַרצער רייטער
מיט שאַרפן סערפּ אין ביינערדיקער האַנט, —
וועל איך מיין זייַן מיט קסאָוו פון זון פאַרשרייבן
און באַסמענען מיט קלאָרן גאָלד פון האַרבסט.

דעם הימל שטענדיק טראָגן אויפֿן קאָפּ
אַ הויכן, אַ צעוויקלטן אין בלויען
און שפּאַנען מיט צעהעלטן, גרינגן טראָט
צו ווייטן נייע און צו נייע רוימען.

דעם וואַנדער־זאַק דעם זוניקן צעבינדן
און ליכט אַזויפֿיל פֿלייצן אויף דער ערד,
אַז קלאָרן זאָל מיין בליק אין אַלע בליקן
און מיט מיין נאָמען קלינגען זאָל אַ וועלט.

ווײַן ניט, ווײַן ניט, אַלץ פֿאַרגײט, אַלץ מוז פֿאַרגײן,
גיב מיר בעסער דײַנע הענט די אויסגעשלאָגקטע.
פֿאַר דער שוימענדיקער, פֿאַר דער רעגנע פֿרייד
כדאַנק דיר, טײַערע, מײַן ליכטיקע, איך דאַנק דיר.

סהאָט דער בלינדער גורל אונדז צונויפֿגעבראַכט,
סוועט דער בלינדער גורל באַלד נאָך אונדז צעשיידן.
איצט איז נאַכט דערוויַיל, אָן אויסגעבלויטע נאַכט,
שטערן טריפֿן אויף אונדז ביידן, אויף אונדז ביידן.

סאיז אונדז ביידן אומעטיק, אי מיר, אי דיר:
דיר — אַ פֿרוי אַ שוואַכער, מיר — אַ מידן טרוימער.
מקען אָבער ניט העלפֿן, סאיז באַקאַנט דאָס ליד:
קורץ די פֿרייד איז שטענדיק און דער טרויער דויערט.

ווײַן ניט, ווײַן ניט, אויך דער טרויער וועט פֿאַרגײן,
נעם מיך בעסער אין די אָרעמס דײַנע העלע
און פֿאַרוויג, פֿאַרוויג מײַן האַרבסטיקן געוויין
צווישן שטויב און שטערן, צווישן שטויב און שטערן.

כהאָב נאָך קיינמאָל ניט געוואוסט פון ליכטיקייט אזויפיל,
כהאָב פון פינסטערניש אזויפיל קיינמאָל ניט געאָנט.
אָדער פלאַקערן, ווי בלענדנדיקער זונען־אויפגאַנג,
אָדער שטומען, ווי אַ שטיין אין שויס פון בלינדער נאַכט.

אָדער פריידיק וויכערן מיט ווינט צו אַלדי ווייטן,
אָדער אויסגיין אויף די הענט פון טרויער אינדערשטיל.
אויפן שטערן בליען קארבן פון אַ מאַן אַ גרייזן,
אויף די ליפן שפּילט אַ גרינגער שמייכל פון אַ קינד.

אין די אויגן העלן שיינען פון אַ פרומען נאָזיר,
אין די אָדערן פאַרשייטער קאָכט און זידט דאָס בלוט.
אָדער אויפן עשאַפאָט פון ליידנשאַפט זיך בראָטן,
אָדער אין דער קאַלטער כאַכמע זיך געפינען רו.

הארץ מיין הארץ, דו ווילסט שוין פון קיין פשאָרעס גאָר ניט וויסן.
פיבערסט, פלאַטערסט און דו וואַרפסט זיך, ווי אַ פיש אין נעץ.
אָדער ווי אַ האַק, אין שטילן אָקעאַן פאַרזינקען,
אָדער שלאָגן אָדלערדיק ביז שפּיץ פון עווערעסט!

זאָל אייך קיינעם גאָר ניט אַרן
וואָס איך טו און ווי איך לעב.
קראָמען האָט איר — פעלשט און נאַרט אייך,
ווייבער האָט איר — שלאָפט און קוועלט.

שטיין און אייזן, שלאָס און ריגל,
ברודנע, האַנדלדיקע גאַס.
כוועל זיך לאָזן מיט די ווינטן
אין דער הויקערדיקער נאַכט.

גוט איז ערגעץ אויף די שליאַכן
דאַוונען צו אַן אַלטן דעמב.
הויכע שטערנדיקע ראַכוועס,
זיסע גלוסטנדיקע ערד.

ניט קיין ווייב און ניט קיין קינדער,
ניט קיין דאַך און ניט קיין היים, —
הוידעט קאָפּ זיך פרייער, גרינגער
אונטער בלויען הימל־פליין.

מוילעד־זילבער אויפן פּאָנים,
טראַנטעס — אויפן הייסן לייב, —
שלעפּן ווינטן פאַר די האָר מיך
צו דער גראָזנדיקער ווייט.

איר פאַרטאַכלעוועט די יאָרן,
כאַליענדיק פון לייב דעם שמאַלץ,
איך — אַ פלאַקערדיקער דאָרן —
זיי אויף שטויבן בלוט פון האַרץ.

איך, אַז סקומט די שאָ די לעצטע,
וויגט מיך זון איין אויף די הענט.
איר, באַם ראַנד פון ברודנעם לעבן,
פלאַצט איר, פרעסנדיק, אין בעט.

קראַכמען האָט איר — נאַרט און פעלשט אייך,
ווייבער האָט איר — קוועלט און שלאָפט.
ס'עקלט מיך פון אייער לעבן,
ס'עקלט מיך פון אייער סאָף.

אַ ווינט אַ שפּיל געטאָן האָט אין די בלעטער
און סהאָבן זיך צעשמועסט בלאַט מיט בלאַט:
— סאיז איצטער אונזער צייט און שפּעטער, שפּעטער,
אַ, שפּעטער, שפּעטער קומען וועט דער האַרבסט!

— — — — — — — — — — — — — — —

סאיז איצטער אונזער צייט, אַ, ברודער ווייטער,
מיין גרוס צו דיר אין העלן, שלאַנקן טאָג.
אין גאָלד אין קלאָרן שימערן די ווייטן,
אין בלוי געלייטערטן — דער הימל־גלאָב.

עס טריפט די זון דעם האָניק פון איר בינשטאָק
אין זייד אין גרינעם וויקלט זיך די ערד.
אויף הויכע יאַמען רויכערן זיך שיפן.
אין ווילדע פּריירים שפּרינגען ווילדע פערד.

עס פלאַטערן מידבאַריעס אין פייער
און טייגעס שטומע האָבן זיך צערעדט.
אַ שטורעם שוועבט אויף אַלפּן הימאַלאַען
און סוואַקלען זיך מאַנבלאַן און עווערעסט.

עס קנוילן שטעט און לענדער זיך אין פלאַמען
און ספּיבערט אונזער ווירבלענדיקער דאָר,
און סוויכערט פלינק פון ציילאָן ביז אַליאַסקע,
אין מאָסקווע, בערלין, פּאַריזש, ניו־יאָרק.

סאיז איצטער אונזער צייט, אַ, ברודער ווייטער,
עס פאָכן שוין מיליאָנען מיטן שווערד
פאַר נייער וואָר, פאַר פרידן און פאַר פרייהייט
אויף אונזער גרינער, קיילעכדיקער ערד.

סאיז איצטער אונזער צייט צו גרינען, וואַקסן,
זיך אָנזאַפּן מיט קרעפטן און מיט מוט.
עס פלייצט די וועלט מיט שוועבלענדיקע שלאַקסן
און סמאָגנען שוימענדיקע טייכן בלוט.

סע'שארפט נאָך סוינע גיפטיקע קלייזאיען,
מיט ציינער גילדערנע נאָך קריצט דער פיינט...
פון נאָרעס שווארצע לויערט נאָך די כאיע
מיט שפיז, מיט ביקס, מיט קוילן און מיט בליי.

נאָר וואך שוין זיינען הערצער פון מיליאנען
און האמערדיק פון קעמפנדע — דער פויסט!
אין קאָן אריין, אין קאָן פון שטאָלצע פאָנען
און שמיד דעם אייזן 'קאָל־זמאַן ער איז הייס!

סאיז איצטער אונזער צייט, אָ, ברודער ווייטער,
און שפעטער, שפעטער קומען זאָל דער הארבסט!
ער וועט שוין אויף זיין גליענדיקן שייטער
פארניכטן לעצטע רעשטלאך פונעם סקארב.

ער וועט שוין אויפן פייער פון אָקטאָבער
צעאשן בלינדע טורעמס פון דער נאכט.
אין קאָן אריין, אין קאָן פון דרייסטע פאָלקן,
צום לעצטן און צום זיגערישן קאמף!

צו לעצטער און צו שטאָליקער מערידע,
אויף גאסן און אויף שליאכן, און אין פעלד,
און וואו א נעסט פון זשאווער און פון שימל, —
צענעם עס און צעשליידער, און צעטרעט!

און וואו א קופע געלע, פוילע בלעטער, —
צעטרעט עס און צעטראמפל, און צעשטויב!
— — — — — — — — — — — — — —
עס קייקלט זיך דער ערד־קוגל אין עטער
און פאָנען אויף אים ברענען בלוטיק־רויט!

און דאָס איז עס, דאָס עפּיטאַפיע־ליד,
מײַן קײַװער־שטײן צו קריצן אױפן שטערן:
געװען, געזען, געלעבט דאָ און געליבט
און, עפּשער, אױך געליבט געװען אױף ערדן.

מיט װינטן און מיט בױמער זיך געפרײט
און דאָרשטיק יעדן זונען־שטראַל געזױגן,
און שטענדיק, שטענדיק פיבערדיק געבענקט
מיט נײַער דאָרשט אין גאָרנדיקע אױגן.

געהױדעט זיך אױף װאָגשאָלן פון טרױם
און צו דער שטרײַנגער שײנקײט זיך געטוליעט,
און אױף דער ברוסט פון אַ געליבטער פרױ
געדאַװנט צו דער אײנזאַמקײט דער פרומער.

געטראָגן זיך מיט װילד־פאַרשײטן קאָפּ
צו זינגן נײַע און צו נײַע קאַמפן,
און נאָכן בלױען פױגל זיך געיאָגט
אַ לעבן־לאַנג דורך לענדער און דורך יאַמען.

געװען, געזען, געלעבט דאָ און געליבט,
און, עפּשער, אױך געליבט געװען אױף ערדן.
איצט זאָל אים זײַן דער שלאָף דער װײסער זיס
און לופטיק־גרינג — דער קײַװער־שטײן דער שװערער.

א י נ ה א ל ט :

זייט

אויף אַלע זיבן יאַמען — 3

אַטלאַנטיק (7-16)

אַטלאַנטיק — 7
שוין גרייט די שיף צום אָפּשווימען — 8
האָט אויפגעאַנקערט זיך — 9
און פּלוצלונג — 10
וואו איז היים — 11
אַ שפּיל, אַ בלענדעניש — 12
היינט האָט זיך דער יאַם צעשפּילט — 13
אייביק רוישן קען דער יאַם נאָר — 14
זיך אָפּטייוולען — 15
וויג מיך — 16

אין לאַנד דאָ (19-42)

פון רוסישע סטעפּעס — 19
וועגן וואָס זאָל איך זינגען — 20
אַלטע, אויסגעגרויטע יאַדלעס — 21
אַז קיינער צערטלט מיך ניט — 22
זיך אויסוויינען — 23
פון שטאָט צו שטאָט — 24
איר הערט זיך צו — 25
אַלטע, עלנטע לבנה — 26
וועמען דאָ פאַרטרויען — 27
ביידע קומען מיר פון דאָרט — 28
אין טיף פון נאַכט — 29
אין אַ טאָג אַזאַ — 32
די בעט איז גרייט — 35
פלי, מאַשין — 39
און ווידער — 41
וואָלקנדיקער טאָג — 42

אַ שטיבל אין וואַלד (45-66)

ווי שיין — 45
וואָלקנס — 46
ווי יונגע — 47
עס טרעפט — 48
איך שפּאַן — 49
פון העלער הויך — 50
איך קלעטער — 51
בוימער אין פאַרנאַכטן — 52
אויף אַ שטיין — 53
כ'בין געפאַנגען — 54
מ'האָט אַז אונז פאַרגעסן — 55
ביז סאָף פון לעבן — 56
פון טאָג צו טאָג — 57
קוואַלן פון בלויקייט — 58
וואָס קען נאָך שענער זיין — 59
דורך שליאַכן — 60
איך בין פון שטאָט אַנטלאָפן — 61

גרינגע פריידן (69-88)

לויטער ווערט שוין — 69
טריף מיר — 70
אין די פריען — 71
פרישער, דופטנדיקער פעלדער־וועג — 72

נאכאמאל — 73
פריידן — 74
פליוש — די ערד — 75
נאכאמאל און נאכאמאל — 77
ליטערער פרימארגן — 78
נאך שפילן זיך — 79
דעם צארטן שניי — 80
פויגל־שפיל — 81
נאכן רעגן — 82
אפגעשוואומען — 83
סאפזומערטעג — 85
נו, א סאף — 86

אין שטומער קעניגרייך פון בערג (91-104)

פיו־פיו — 91
ניסט זיך — 92
אין בין אריין — 93
ס'האט דא אמאל — 94
אין שטומער קעניגרייך — 95
אורוואלד — 96
אויך ביז אהער — 97
א דערפאלע — 98
פארנאכטן אין די בערג — 99
א שטורעם אין די בערג — 100
א, פיר מיך — 101
נאכט האט זיך צעשאלט — 103
בערג מיינע — 104

אינדיאנער זומער (107-132)

שליינגלט זיך — 107
הארבסט האט מיך פארבעטן — 108
אין הארבסטיקע — 109
אין צייטיקייט פון הארבסט — 110
דו שרייסט — 111
כ'האב ליב — 112
דער הארבסט — 113
פלייץ מיט בלעטער־כוואליעס — 114
יאדלע, יאדלע — 115
אנטלאפן פון שטאט — 117
א טריבער טאג — 118
ווי א שטיין — 119
ניין, איך קען ניט — 120
שווארצע כמארעס־שיפן — 121
איז עס טאקע שוין — 122
רואיק, הארץ מיינס — 123
און ווידער — 124
וויג מיך איין — 125
הויך — אין זייד אין בלויען — 126
אין קווייטן גילדערנע — 127
נאך א טאג — 128
העפטן היינט אפסניי — 129
באנאכט — 130
ס'איז שוין שפעטער הארבסט — 131
בלעטער פאלן — 132

דערנער אין שניי (135-152)

קיינער דארף ניט — 135
אין דער הרובע — 138

אָוונט — 139
בייבי, הונט מײַנער — 140
אַ נאַכט אַ ווײַסע — 142
און אַז עס ווײנט אַ האַרץ — 143
פרימאָרגן לויטערער — 144
זײַ געבענטשט — 145
ווער קען שווײַגן — 146
אין שימער — 147
און זון אויף באַרג — 148
אַ נאַכט — 149
אַט די פּאַרטאַגן — 150
און ווידער — 151
אַנטלויף — 152

ליב צו ליב (155-176)

אַז אַ ליבע פרוי — 155
איך האָב אײַך געלייענט — 156
אין דאָזיקער שעפע — 157
פרויען — 158
אַ נאַקעטע — 159
אַ טאָג מיט דיר — 160
הויכער טאָג — 161
טײַערע — 162
ווידער צאַפּלט זיך מײַן האַרץ — 163
אין דײַנע אָרעמס — 164
דיר, מײַן אײנציקע — 165
איך — אין שוים אין דײַנעם — 166
טײַערע — 167
ס'האָט צעזוּמערט זיך — 168
אַ זומער אין זונשײַן — 169
אַזויפיל העלקייט — 170
פאַר יאָרן פינסטערע — 171
קוש מיך הייסער — 172
איך גלויב אַליין זיך ניט — 174
באַם ראַנד — 176

צווישן שטויב און שטערן (179-193)

אין דער נאַכט — 179
איך וועל — 180
אויפן שפּיץ פון עווערעסט — 181
זיך אויסגעשפּאַנט — 182
אין מיר — 183
עס ווערט ניט אויסגעשעפּט — 184
ביז קומען וועט — 185
דעם הימל שטענדיק טראָגן — 186
ווײַזן ניט — 187
כ'האָב נאָך קיינמאָל ניט — 188
זאָל איך קיינעם גאָר ניט אַרן — 189
אַ ווינט אַ שפּיל געטאָן — 191
און דאָס איז עס — 193

באמערקטע דרוק־פעלערן:

זייט	שורע	שטייט:	דארף זיין:
155	21	פאגאנוועט	פארגאנוועט
169	5	מיט ליכטיקסטע בלי	מיט ליכטיקסטע בליקן
170	23	דו וויגסט מיך אייך	דו וויגסט מיך איין
187	15	מיין הארבסטיקן געוויין	מיין הארבסטיקן געביין

ביכער פונעם זעלבן אַווטאָר:

1. **בלויע גנאד** (לידער). פאַרלאַג „מיר אַליין". קאָווגע, 1927.

2. **גאַנג** (לידער און פּאָעמען). פאַרלאַג „מיר אַליין". קאָווגע, 1929.